STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01555

DER TREYD YUNYONIZM

L. Levin

Permanent preservation of this book was made possible
by Kenneth L. Brooks
in memory of
his father, William M. Brooks

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַרבייטער-רינג ביבליאָטעק

IV.

דער טרייד יוניאָניזם

פון

דר. ל. לעווין

ארויסגעגעבען פון דער
עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע פון ארבייטער רינג

ניו־יאָרק 1916

49

Yi618, c.1

טרייד־יוניאָניזם

אינהאַלט:

זייט

פאַרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — 3

ערשטער קאַפּיטעל — דאָס פאַבריקסיסטעם און דער מאָדערנער אַרבייטער — — — — — — — — — — — — — 8

צווייטער קאַפּיטעל — די גרונד־פּרינציפּען פון דעם טרייד־יוניאָניזם — — — — — — — — — — — — — 20

דריטער קאַפּיטעל — די מעטאָדען פון דעם טרייד־יוניאָניזם — 38

פערטער קאַפּיטעל — די סטרוקטור און די פונקציאָנירונג פון דעם טרייד־יוניאָניזם — — — — — — — — — — 55

פינפטער קאַפּיטעל — טרייד־יוניאָניזם און אַרבייטער־געזעצגעבונג 64

זעקסטער קאַפּיטעל — טרייד־יוניאָניזם, אינדאַסטריאַליזם און סאָציאַליזם — — — — — — — — — — — — 77

פארערע:

דאס פארליגענדע ביכעל איז א פערזוך צו בעשרייבען די אל־געמיינע אידעען פון דעם טרייד־יוניאניזם אויף דעם זעלבען שטייגער, ווי עס ווערען בעהאנדעלט די אלגעמיינע אייגענשאפטען פון פיזישע, כעמישע אדער וועלכע עס איז אנדערע נאטירליכע ערשיי־נונגען. דאס איז ווייט ניט קיין לייכטע אויפגאבע. דער טרייד־יו־ניאניזם איז ווי אלע אנדערע סאציאלע ערשיינונגען ניט נור קאמפ־ליצירט אין פארם און פערשידענארטיג אין האנדלונגס־מעטאדען, נור ער איז אויך שטענדיג אין אן עוואלוציאנס־פראצעס, וועלכער איז נוגע סיי פארם, סיי מעטאדע, סיי גרונד־פרינציפען. אנאליזי־רענדיג דעם טרייד־יוניאניזם אין אלגעמיין, מוז מען זיין פארזיכ־טיג ניט צו פערבייטען די יוצרות און ניט בעטראכטען א לאקאלען שטריך אלס א אלגעמיינע ערשיינונג, אדער א צייטווייליגען אויס־דרוק, אלס א פונדאמענטאלען פרינציפ. און אזוי ווי די ענטוויקלונג פון דעם טרייד־יוניאניזם קומט פאר פאר אונזערע אויגען, איז גאנץ לייכט צו מאכען א טעות.

דער מחבר פון דיעזען ביכעל האט זיך געהאט צו רעכענען נאך מיט א שוועריגקייט, וועלכע איז אויך ביז א געוויסען גראד, פערבונ־דען מיט דעם ענין. עס איז לייכט צו רעדען אבסטראקט וועגען פי־זישע, כעמישע און אנדערע נאטור־ערשיינונגען. זיי בעלאנגען צו אן אנדער וועלט, מיט וועלכער מיר קומען ניט אפט אין דירעקטער בעריהרונג, און מיט וועמענס פרינציפען מיר זיינען ניט אזוי גוט בעקאנט ניט פון ערפאהרונג, און ניט פון ביכער. אבער סאציאלע ער־שיינונגען זיינען גאנץ אנדערש. דאס איז די וועלט, אין וועלכער מיר לעבען פון טאג צו טאג. ניט נור קענען מיר זיי פון דירעקטער ערפאהרונג, נור מיר אליין שאפען זי אין א גרויסער מאס. די ער־שיינונגען זיינען אונז אזוי נאהענט, אז זיי ווייזען זיך אונז אויס

ווי א טהייל פון אונזער אייגענעם פערזענליכען לעבען. עס קומט אונז אוים קאמיש, ווען מען וויל אונז בעשרייבען דיזע ערשיינונגען אין אן אלגעמיינער און אבסטראקטער פארם. עס קומט אוים, אזוי ווי איינער וואלט אונז אנגעהויבען אויסמאהלען אין ווערטער אונזער אייגענע הויז, אין וועלכער מיר האבען אבגעלעבט א וועלט.

דאס איז ספעציעל אמת אין בעצוג צו דעם טרייד־יוניאניזם. שוין פינף און צוואנציג יאהר ווי די אידישע גאס וויקט אין טרייד־יוניאניזם טאג איין־טאג־אוים. די יוניאנס זיינען דער צענטער פון דעם אידישען לעבען אין אמעריקא, די טרייבענדע קראפט פון אלע סאציאלע בעוועגונגען. יעדער, וועלכער האט אין זיך א געזעלשאפטליכען פונק, איז אויף וועלכען עס איז אופן פערבונדען מיט די יוניאנס און לעבט מיט זיי דורך מעהר אדער וויניגער אלע וויכטיגע עראייגניסען פון זיין לעבען. אלעס, וואס מען קאן זאגען וועגען טרייד־יוניאניזם, מוז דאריבער קלינגען פאר דעם אידישען לעזער, ווי אן אלטער פזמון, וועלכען ער וואלט געקאנט אבזינגען זאגאר פון שלאף.

געווים, עס זיינען פאראן פיעלע טרייד־יוניאניסטישע פראגען, אין וועלכע דער אידישער לעזער וואלט אליין צוגעגעבען, אז ער איז ווייט ניט קיין בקי, צ. ב. ניט פיעלע זיינען בעקאנט, ווי געהעריג, מיט דער געשיכטע פון דעם טרייד־יוניאניזם אין אמעריקא, אדער מיט די פערוויקעלטע פראבלעמען פון קאללעקטיווע אגרימענטס, אדער מיט אזעלכע פראגען, ווי דער „קלאוזד־שאפ“, ארבייטער־געזעצגעבונג א. ז. וו. די בעהאנדלונג פון דיזע קאנקרעטע פראגען וואלט פיעללייכט געווען א גרעסערע נייעס פאר דעם אידישען לעזער און וואלט דאריבער געמאכט א גרעסערען רושם אויף איהם. אבער דאס איז געווען יעצט אונמעגליך, ווייל עס וואלט ניט געווען אין הסכם מיט דעם האראקטער פון דער סעריע, פון וועלכער דיזער ביכעל איז נור א טהייל. די סעריע בעהאנדעלט די אלגעמיינע פרינציפען פון פערשידענע צווייגען פון דער מענשליכער פארשונג. דאס ביכעל וועגען טרייד־יוניאניזם האט דאריבער אויך געמוזט זיין אן אבסטראקטע אבהאנדלונג וועגען אלגעמיינע אידעען און מעטאדען. דער מאנגעל אין פלאץ ערלויבט נור די באהאנדלונג פון די הויפט־פראגען פון דעם ענין.

אונטער דיזע אומשטענדען האט דער מחבר ניט געקאנט געהמען אויף זיך די אויפגאבע צו זאגען עטוואס נייעס אדער צו בעהאנדלען אויספיהרליך די טיעפערע פראגען פון דעם טרייד־יוניאניזם. ער האט זיך געשטעלט א מעהר איינפאכערען ציעל: צו בעשרייבען די אלגעמיינע אידעען פון דעם טרייד־יוניאניזם קלאהר און סיסטעמאטיש אזוי, אז דער אינערליכער צוזאמענהאנג פון דער טרייד־יוניאניסטישער געדאנקען־וועלט זאל זיך דייטליך ארויסצייגען. ער האט זיך געגעבען בעזונדערע מיהע צו זיין אונפארטייאיש און ניט ארויפצוצווינגען זיינע אייגענע געדאנקען. די פארמע, אין וועלכער אלע אידעען ווערען איבערגעגעבען, איז אזעלכע, אז דער לעזער קאן אמאל דיינקען, אז זיי זיינען די פערזענליכע מיינונגען פון דעם שרייבער. אין דער ווירקליכקייט אבער האט דער שרייבער אנגענומען די פארם, כדי דארצולעגען מיט מעהר קראפט סיי די אידעען פון די טרייד־יוניאניסטען, סיי די מיינונגען פון זיינע קריטיקער.

דער שרייבער פון דיעזע ציילען דענקט, אז נאך אלעמען וועט זיין ביכעל ערפילען א בעדערפניס, וועלכע האט זיך גאנץ שטארק געפיהלט. שוין ניט ריידענדיג וועגען די טויזענדער רויהע ארבייטער, וועלכע בעלאנגען צו דער „יוני“ און האבען וועגען איהר די ווילדעסטע פארשטעלונג. די ארבייטער, פאר וועלכע די „יוני“ איז אדער א מלאך גואל אדער א קלעפעדיגע צרה, פון וועלכער מען מוז ליידען אין אמעריקא, וועלען פיעללייכט קאנען שעפפען פון דיזען ביכעל זייער ערשטע קלאהרע פארשטעלונג וועגען דעם טרייד־יוניאניזם און זיינע אויפגאבען. אבער זאגאר די ארבייטער, וועלכע זיינען מעהר בעוואוסטזיניג און וועלכע זיינען טהעטיג אין דער טרייד־יוניאניסטישער בעוועגונג, וועלען פיעללייכט געפינען אין דיזען ביכעל עטוואס, וואס קאן זיי העלפען קלאהרער מאכען זייערע אייגענע אידעען און פערבינדען זייערע געדאנקען וועגען טרייד־יוניאניזם אין א לאגישען סיסטעם. מען דארף זיך דאך ניט נארען. אפילו דער אינטעליגענטער אידישער ארבייטער ליידעט שטארק דערפון, וואס ער האט זיך אויפגעהאדעוועט אויף „צושלאגענע געדאנקען“, צעווארפענע ארטיקלען און לעקטשורס סתם אין דער וועלט אריין. א

ביסעלע סיסטעם, א ביסעלע אויסגעהאלטענע לאגיק קאן איהם ניט שאדען.

דער שרייבער איז זיך גאנץ קלאהר וועגען די פיעלע פעהלע־רען פון זיין ביכעל. דער מאנגעל אין צייט און אין פלאץ האט איהם ניט ערלויבט צו בעהאנדלען פיעלע פונקטען, ווי ער וואלט געוואלט. אבער ער האפט, אז דאס דאזיגע ביכעל וועט ערפילען זיין צוועק און אז אנדערע פיעל בעסערע און מעהר אויספיהרליכע בעהאנדלונ־גען איבער דער געשיכטע, טעאריע און פראקטיק פון דעם טרייד־יוניאניזם וועלען אין גיכען פערנעהמען זיין פלאץ.

ד ר. ל. ל ע װ י ן.

1.

איינלייטונג

אין דער צווייטער העלפט פון דעם אכטצעהנטען יאהרהונדערט איז פארגעקומען א רייהע טעכנישע ערפינדונגען, וועלכע האבען געמאכט אן איבערקעהרעניש אין די מעטהאדען פון פראדוקיצאן און האבען געפיהרט צו טיעפע ענדערונגען אין דעם עקאנאמישען און סאציאלען לעבען. די נייע ערפינדונגען האבען פערקערפערט אין זיך דריי פרינציפען, וועלכע האבען געזאלט ווערען די לייטענדע אידעען פון דער וויטערדיגער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג. דער ערשטער פרינציפ איז בעשטאנען אין דער איינפיהרונג פון אויטאמאטישע מאשינען אויף דעם פלאץ פון האנד־געצייג. דיעזער פרינציפ האט געפונען א קלאהרען אויסדרוק אין דער שפין־מאשין, וועלכע הארגריווס האט ערפונדען אין 1764, און אין דעם מעכאנישען וועב־שטוהל, וועלכען קארטרייט האט פאטענטירט אין 1785. דער צווייטער פרינציפ איז בעשטאען אין דער אנווענדונג פון וויסענשאפטליכע מעטהאדען אין אינדוסטריעלע פראצעסען און האט געפונען א בעזאנדערס גלענצענדען אויסדרוק אין די פיזישע און כעמישע ערפינדונגען, וועלכע האבען רעארגאניזירט די אייזען־אינדוסטריע און די פארבונג פון טעקסטיל פראדוקטען. דער דריטער און וויכטיגסטער פרינציפ איז געווארען קלאהר פאר דער וועלט, ווען דזשיימס וואט האט ארויסגענומען א פאטענט פאר זיין פארבעסערטע דאמפף־מאשין און האט זי אנגעווענדעט צום ערשטען מאל אלס טרייבענדע קראפט אין א בוים־וואהל פאבריק אין 1789. ער האט דערמיט ענטדעקט פאר דער וועלט א נייעם קוואל פון ענערגיע, וועלכער איז געווען אונענדליך אין פערגלייך מיט די מוסקולען פון מענש און חיה און מיט דער קראפט פון וואסער און ווינד.

די איינפיהרונג פון מאשינען, די אנווענדונג פון וויסענשאפטליכע מעטהא־

דען, און דאס בענוצונג פון דאמפף אלס
טרייבענדע קראפט האבען חרוב געמאכט די אלטע
פארמען פון ארבייט. די מלאכה, וועלכע איז געווען די הערשענדע
פראדוקציאנס־פארם אין דעם משך פון הונדערטע יאהרען און די
מאנופאקטור, וועלכע האט זיך ענטוויקעלט אין אייניגע אינדוסטריען
אין דעם זיבצעהנטען און אכטצעהנטען יאהרהונדערט, האבען אנגע־
הויבען אויף שנעל צו פערשווינדען פון איין פראדוקציאנס־צווייג
נאך דעם צווייטען. די אינדוסטריעלע רעוואלוציאן, ד. ה. די רעאר־
גאניזירונג פון דער ארבייט אויף דעם יסוד פון די נייע פרינציפען,
איז פארגעקומען צוערשט אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע. אבער
עס האט ניט לאנג גענומען ביז דיזעלבע פרינציפען זיינען אנגעווענ־
דעט געווארען אין דער אייזען־אינדוסטריע, אין דער פראדוקציאן
פון מאשינען, אין דער פערפערטיגונג פון קליידער, שיך א. ז. וו.
אין אן ערך פון פופציג יאהר איז דאס גאנצע אינדוסטריעלע
לעבען פון ענגלאנד איבערגעבויט געווארען פון א' ביז ת',
אבער די אינדוסטריעלע רעוואלוציאן האט זיך ניט געקאנט אבשטע־
לען אויף אן ארט. ניט אכטענדיג אויף אלע שוועריגקייטען האט זי
זיך פערשפרייט פון איין לאנד צום צווייטען. פראנקרייך, די פער־
אייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, דייטשלאנד, עסטרייך, רוסלאנד,
די לענדער פון אזיען און אפריקא, זיינען פריהער אדער שפעטער
ארייגעצויגען געווארען אין שטראם, וועלכער איז מיט דער צייט
געווארען אלץ טיעפער און ברייטער. אין דעם משך פון וואסערע
הונדערט יאהר האט די גאנצע וועלט דורכגעלעבט די וויכטיגסטע
מאמענטען פון דער אינדוסטריעלער רעוואלוציאן און איז ארויס פון
דער ערפאהרונג אלס אן איינהייטליכער עקאנאמישער ארגאניזם פול
מיט נייע פראדוקציאנס־קרעפטען און דורכגעדרונגען מיט א פי־
בערהאפטען וואונש צו ענטוויקלען די פונדאמענטאלע פרינציפען פון
דער נייער אינדוסטריע אלץ ווייטער און ווייטער.

אויף דעם פלאץ פון די צערשטערטע ארבייטס־פארמען האט
די אינדוסטריעלע רעוואלוציאן איבעראל אויפגעבויט די מאדערנע
פאבריק, וועלכע איז געווארען די הערשענדע פארם פון פראדוקציאן.
זאגאר דארטען, וואו די מלאכה און די מאנופאקטור זיינען נאך פער־
בליבען זייט ביי זייט מיט דער פאבריק, זיינען זיי געצוואונגען גע־

ווארען צו שפּיעלען אַ פיעל קלענערע ראָלע. די פאַבריק האָט פער־כאַפּט די פּראָדוקציאָן פון דעם גרעסטען טהייל פון די פערשידענע געגענשטאַנדען, וועלכע מיר געברויכען אין אונזער טאָג־טעגליכען לעבען, און האָט אַרויפגעלעגט איהר שטעמפּעל אויף'ן גאַנצען ווירט־שאַפטליכען לעבען, דעם מסחר, דעם פערקעהר, דאָס געלד־סיסטעם. מיט איין וואָרט, זי איז געוואָרען דער פונדאַמענט פון דער מאָדער־נער אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע ווערט דאריבער בעציי־כענט אַלס דאָס פאַבריק־סיסטעם.

גלייכצייטיג מיט דער פאַבריק האָט די אינדוסטריעלע רעוואָלו־ציאָן געשאַפען דעם מאָדערנעם ארבייטער. דאָס פאַבריק־סיסטעם נויטיגט זיך אין גרויסע מאַסען פרייע ארבייטער, וועלכע זאָלען קע־נען געהען פון פּלאַץ צו פּלאַץ אין הסכם מיט די פאָדערונגען פון די פאַבריקאַנטען. צוערשט האָט די פאַבריק געצווינגען איהרע אַרבייטער פון די צערשטערטע מלאכות, פון דער מאַנופאַקטור און פון די דער־פער. די פאַבריק טהוט עס נאָך יעצט אויך אין אַ גרויסער מאָס אין די ניי־ענטוויקעלטע לענדער, און אין אַ קלענערער מאָס אין די מעהר אינדוסטריעלע לענדער. אָבער די פאַבריק וואָלט יעצט גע־קאָנט אויסקומען אָהן דעם. אין פערלויף פון די לעצטע הונדערט יאָהר איז אין אַלע ציוויליזירטע לענדער אויסגעוואַקסען אַ נייער קלאַס אַרבייטער, וועלכע האָבען ניט קיין בעגריף וועגען אַנדערע פּראָדוקציאָנס־פאָרמען, אויסער דער פאַבריק. די דאָזיגע אַרבייטער ווערען געבוירען אין דער פאַבריק־שטאָדט, וואַקסען אויס אין דעם שאָטען פון דער פאַבריק און פערברייינגען זייערע יאָהרען אין איהרע ד' אמות. זיי זיינען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קלאַס אויך אין דעם זינן, וואָס זיי לאָזען איבער זייער אינדוסטריעלע ראָלע בירושה פון איין דור צום צווייטען.

אַלס קינד פון דעם פאַבריק־סיסטעם, האָט דער מאָדערנער אַר־בייטער פון זיינע ערשטע יאָהרען געהאָט אויסצושטעהען אַ ביטערע מערכה. פּראָבלעמען, וועלכע האָבען זיך ניט גע'חלום'ט די אַרביי־טער פון פריהערדיגע דורות, זיינען געפאַלען ווי אַ שווערע לאַסט אויף זיינע פּלייצעס. דער וואונדערבאַרער טעכנישער פּראָגרעס, וועל־כער איז געווען פערבונדען מיט דער ענטוויקלונג פון דעם פאַבריק־

סיסטעם, האָט געשיינט צו האָבען נור שלעכטע פאָלגען פאַר איהם, ניט נור איז זיין ארבייט ניט געוואָרען לייכטער, נור פערקעהרט, עס האָט אויסגעזעהען, אַזוי ווי דער מענשליכער שכל וואָלט שאַפען נייע קייטען פאַר דעם מענשליכען קערפּער.

עס איז געווען אַזוי משונה'דיג, אַז די ארבייטער האָבען צו־ערשט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. זיי האָבען זיך געבונטעוועט און געבראָכען די וואונדערבארע מאַשינען, וועלכע האָבען ביי זיי גערויבט זייער ברויט און פרייהייט. אָבער ביסלעכווייז האָבען זיי זיך אַרומגעזעהען און זיך אָנגעהויבען צוצופּאַסען צו דער נייער לאַגע. אַלס ענטפער אויף די פּראָבלעמען פון דער פאַבריק האָט דער מאָדערנער ארבייטער געשאַפען די אידעע פון עקאָנאָמישער פעראייניגונג, די אידעע פון דעם טרייד־יוניאָניזם.

אמת, די ערשטע קערענדלאַך פון דעם טרייד־יוניאַניזם זיינען פאַרזייט געוואָרען נאָך איידער דאָס פאַבריק־סיסטעם האָט זיך אָנ־געהויבען ענטוויקלען. מען קאָן געפינען זיינע טיעפערע וואורצלען אין די היסטאָרישע אָרגאַניזאַציאָנען, וועלכע האָבען עקזיסטירט אין דער צייט פון דער מלאכה און דער מאַנופאַקטור. אָבער דאָס ענ־דערט ניט דעם פאַקט, אַז ערשט אונטער די בעדינגונגען פון דעם פאַבריק־סיסטעם איז דער טרייד־יוניאַניזם אויסגעוואַקסען אין אַ גרויסע און מעכטיגע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן און איז געוואָרען אַ טהייל פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. אַזוי ווי דער מאָדערנער אַרבייטער איז דאָס קינד פון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציאָן, אַזוי איז דער טרייד־יוניאַניזם די שעפּפונג פון דעם מאָדערנעם ארביי־טער.

דער בעוועגענדער מאָטיוו פון דעם טרייד־יוניאַניזם איז די שטרעבונג פון די ארבייטער צו גרינדען דויערנהאַפטע פעראייניגונגען, כדי צו פערבעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע. אָבער אין דעם שטרעבען צו פערווירקליכען דיעזען איינפאַ־כען ציעל האָבען זיך די ארבייטער אָנגעשטויסען אויף אַ העפטיגען ווידערשטאַנד און אונענדליכע שטערונגען. עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און עטישע סיסטעמען זיינען אויפגעבויט געוואָרען אויף זייער וועג ווי באַריקאַדען. אַלע מאַטעריעלע און גייסטיגע קרעפטען פון דער הערשענדער אינדוסטריעלער וועלט זיינען אָנגעווענדעט געוואָרען

אין קאַמפּף געגען זיי. אין זעלבסט־שוץ האָבען די ארבייטער זיך גע־פיהלט געצוואונגען צו ערקלעהרען זייערע מאָטיוועז. זיי האָבען בים־לעכווייז אויסגעאַרבייט אַ בעזונדערע געדאַנקען־וועלט, וועלכע איז געוואָרען די טעאָרעטישע גרונדלאַגע פון דעם טרייד־יוניאָניזם און אין אַ ברייטערען זינן זייער עקאָנאָמישער אני מאמין.

די פאָלגענדע קאַפּיטלאַך זיינען אַ פערזוך צו בעשרייבען די גרונד ליניען פון דיעזער געדאַנקען־וועלט. לויט דעם כאַראַקטער פון דעם ענין מוז מען פריהער אָנוואַרפען די הויפּט־שטריכען פון דעם פאַבריק־סיסטעם און צייגען, וועלכע פּראָבלעמען עס האָט געשאַפען פאַר דעם מאָדערנעם ארבייטער. דאַן ערשט קאָן מען נאָכפאָלגען די גרונד־פּרינציפּען פון דעם טרייד־יוניאָניזם, זיינע מעטאָדען, זיין געבוי און זיינע פונקציעס. דער לעצטער קאַפּיטעל איז אַ קורצער סך הכל פון די טהעאָריען, לויט וועלכע דער טרייד־יוניאָניזם איז ניט ראַדיקאַל געגוג. אין דעם גאַנצען ווערק ווערען די דיפערענצען, וועלכע עקזיסטירען אין די פערשידענע לענדער אָדער זאָגאַר פון צייט צו צייט אין דעם זעלבען לאַנד, אין גאַנצען דורכגעלאָזען. דער טרייד־יוניגיזם ווערט בעטראַכט אלס אַן איינהייטליכע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע דער מאָדערנער ארבייטער שאַפט איבעראַל, וואו ער פיהלט דעם דרוק פון דיזעלבע בעדינגונגען.

ערשטער קאַפּיטעל

דאָס פאַבריק־סיסטעם און דער מאָדערנער אַרבייטער.

די פאַבריק — אַלס הערשענדע פּראָדוקציאָנס־פאָרם; די ווירקונג פון דער מאַשין אויף די אַרבייטער; די ראָלע פון דעם אַרבייטער אין דער קאַפּיטאַליס־טישער ווירטשאַפט; דער אַרבייטער אַלס פערקויפער פון אַר־בייטס־קראַפט; די בעציהונגען צווישען אַרבייטער און אַר־אַרבייטס־געבער; די פּראָבלעמען פון אַרבייטס־לאָ־זיגקייט, אַרבייטס־צופעלע און עקאָנאָמישער אונזיכערהייט.

די הערשענדע פאָרם פון פּראָדוקציאָן אין אַלע ציוויליזירטע לענדער איז יעצט די פאַבריק. זייט ביי זייט מיט דער פאַבריק קען מען נאָך אין פיעלע לענדער און אין מעהרערע אינדוסטריען געפינען די צוויי פריהערדיגע פאָרמען פון אַרבייט: די מלאכה און די מאַ־נופאַקטור. אָבער זייער בעדייטונג אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פון אונזער צייט איז זעהר קליין. דער גרעסטער טהייל פון אַלץ, וואָס מיר געברויכען אין אונזער טאָג־טעגליכען לעבען, ווערט יעצט פּראָדוצירט אין פאַבריקען. די פאַבריקען בעשעפטיגען די גרויסע מאַיאָריטעט אַרבייטער, וועלכע ווערען יעצט געצעהלט אין די מיל־יאָנען. אין די פעראייניגטע שטאַטען, צום ביישפּיעל, זיינען אין 1910 געוועזען העכער זיבען מיליאָן פאַבריק־אַרבייטער.

די פאַבריק, אַלס פּראָדוקציאָנס־פאָרם, האָט איהרע אייגענ־שאַפטען, וועלכע אונטערשיידען זי ראַדיקאַל סיי פון דער מלאכה, סיי פון דער מאַנופאַקטור. דאָס גאַנצע מאָדערנע ווירטהשאַפטלי־כע לעבען טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּעל פון דיעזע אייגענשאַפ־טען. ספּעציעל, דער כאַראַקטער פון דעם מאָדערנעם אַרבייטער, זיין עקאָנאָמישע לאַגע, זיינע פּראָבלעמען און שטרעבונגען, זיינע קעמפּפע און האָפנונגען האָבען זייערע וואָרצלען אין דער אָרגאַ־ניזאַציאָן פון דער פאַבריק.

דער יסוד פון דעם גאַנצען פאַבריק־סיסטעם איז די מאַשין. די מאַשין פערגרעסערט די אַרבייטס־קראַפט פון דעם מענשען און מאַכט

מענליך א מאסענווייזע פראדוקציאן. זי פאדערט די קאנצענטראציע פון פיעלע ארבייטער אויף איין פלאץ אונטער אן איינהייטליכער השגחה. זי טהיילט אב דעם ארבייטער פון דעם ארבייטס־געבער און רופט ארויס די נויטווענדיגקייט פון דער קאמפליצירטער ארגאניזאציאן, מיט וועלכער די מאדערנע פאבריק צייכענט זיך אויס.

די אייגענשאפט פון דער מאשין בעשטעהט אין דעם, דאס זי פעראייניגט מעהערע איינפאכע אינסטרומענטען מיט א צענטראלען מעכאניזם, וועלכער ווערט אנגעטריבען פון א מעכאנישער קראפט, ווי דאמפף אדער עלעקטריציטעט. די אינסטרומענטען פון דער מאשין טהוען זייער ארבייט אויטאמאטיש און זיינען כמעט אין גאנצען אונאבהענגיג פון דעם ארבייטער. די נאדעל אין א זינגער־מאשין נעהט אליין און מאכט קלענערע אדער גרעסערע שטעך, לויט דער מאס, צו וועלכער מען פאסט זי צו מעכאניש. דער מעכאנישער וועבשטוהל טהוט אויטאמאטיש דיזעלבע ארבייט, וועלכע האט אמאל געפאדערט דעם שארפען שכל און די געשיקטע האנד פון א געלערענטען וועבער. אויף אזא אופן רויבט די מאשין אוועק ביי דעם אמאליגען בעל מלאכה זיין וויכטיגסטע עקאנאמישע פונקציע. זי שאפט אב די ראלע, וועלכע ער האט געשפילט, אלס הערשער פון ווערקגעצייג. דער מאשין־ארבייטער האלט ניט מעהר אין זיינע אייגענע הענד זיינע געצייג און ווענדעט זיי מעהר ניט אן לויט זיין אייגענעם פערשטאנד. זיין גאנצע אויפגאבע איז נור אכטונג צו געבען אויף דער מאשין, וועלכע טהוט די ארבייט אליין. ער דארף נור זעהן, אז די מאשין זאל זיין אין א גוטער ארדנונג און אז קיין זאך זאל ניט שטערען דעם מעכאנישען פראצעס. פון הערשער איבער זיינע ווערקגעצייג ווערט דער ארבייטער ניט מעהר ווי א מאשין־אויפזעהער.

אבער דערמיט ענדיגט זיך ניט די טעכנישע ערנידריגונג פון דעם מאדערנעם ארבייטער. זיין ראלע אין דער פראדוקציאן ווערט נאך מעהר פעראיינפאכט דורך דעם, וואס די מאשין ענטוויקעלט די ארבייטס־צוטהיילונג ביז דער העכסטער מדרגה. דער בעל־מלאכה מאכט געוועהנליך דעם גאנצען פראדוקט, אויף וועלכען ער ארבייט. דער שניידער שניידט צו דעם בגד, מעסט איהם אן און נעהט איהם אויף. דער שוסטער מאכט א גאנצע פאר שיך. יעדער בעל

מלאכה האט בכח ארייגצולעגען אין זיין ארבייט זיינע בעזונדערע פעהיגקייטען און אויסצודריקען אין איהר זיין אינדיווידואליטעט. דער מאשין־ארבייטער איז אין א גאנץ אנדערער לאגע. די הויפט אויפגאבע פון דער מאשין איז צו פערגרעסערען די צאהל פראדוקטען, און דאס פאדערט, אז די ארבייט זאל צוטהיילט ווערען אויף די קלענסטע און איינפאכסטע פראצעסען, ווייל וואס איינפאכער יעדער ארבייטס־פראצעס, אלץ שנעלער און בעסער קאן איהם א מאשין דורכפיהרען. די פראדוקציאן פון א שוך בעשטעהט יעצט פון אונגעפעהר זעכציג איינצעלנע פראצעסען, די מייסטע פון וועלכע ווערען געמאכט פון ספעציעלע מאשינען. דער ארבייטער אין א מאדערנער שוך־פאבריק האט צו טהאן נור מיט איין איינציגען ארבייטס־פראצעס און איז צוגעשטעלט צו איין סארט מאשין. נויטווענדיגערווייזע, פערלירט ער יעדען סימן פון טעכנישער אינדיווידואליטעט. ער דארף ניט האבען קיינע ספעציעלע פעהיגקייטען אדער קענטניסע פאר זיין ארבייט, און זיין פערזענליכקייט שפילט א קנאפע ראלע אין דער ארבייט.

צו דער זעלבער צייט, וואס די מאשין שאפט אב די נויטווענדיגקייט פון פערזענליכע פעהיגקייטען און קענטניסע אין דער ארבייט, צערשטערט זי אויך די בעדייטונג פון דעם מענשען, אלס טרייבענדע קראפט. דער בעל־מלאכה בעהערשט זיינע ווערקגעציייג אויך אין דעם זינן, דאס ער ברענגט זיי אין בעוועגונג. אבער די מאשין איז צו גרויס און צו קאמפליצירט. זי פאדערט א מעכאנישע קראפט, וועלכע זאל זי בעוועגען. פון אנפאנג זיינען פיעלע מאשינען אנגעטריבען געווארען פון ווינד און וואסער. אבער זינד 1789, ווען וואטס דאמפף־מאשין איז אנגעווענדעט געווארען אין א בוימוואל־פאבריק, איז דאמפף געווארען די הויפט טרייבענדע קראפט אין דער אינדוסטריע. אין דער לעצטער צייט האט עלעקטריציטעט פערנומען זעהר א וויכטיגען פלאץ אלס טרייבענדע קראפט. סיי דאמפף, סיי עלעקטריציטעט פאדערען אליין ספעציעלע מאשינען און ספעציעלע מאטעריאלען, איידער זיי קאנען בענוצט ווערען אלס טרייבענדע קראפט. אבער דאס איז אגב אורחא. דער פאקט, וועלכער איז וויכטיג אין דיעזען צוזאמענהאנג איז, דאס די איינפיהרונג פון דער דאמפף־מאשין האט צוגענומען ביי דעם מענשען

נאָך א וויכטיגע עקאָנאָמישע פונקציע. מאַשין־ארבייט איז אויף אזוי פיעל פעראייגפאכט און פערלייכטערט געוואָרען, אז זי האָט זאָגאר ניט געפאָדערט קיין ספּעציעלע פיזישע קראַפט. פרויען און קינדער האָבען געקאָנט טהון די ארבייט, וועלכע האָט אמאָל גע־פאָדערט שטארקע מענער, און זיי זיינען אריינגעצויגען געוואָרען אין די פאַבריקען אין די טויזענדער. אין 1910 זיינען אין די פאַב־ריקען פון די פעראייניגטע שטאַאטען געווען בעשעפטיגט העכער אנדערטהאַלבען מיליאָן פרויען און הונדערט און זעכציג טויזענד קינדער.

אין דער מאָס, אין וועלכער די מאַשין צערשטערט די טעכנישע בעדייטונג פון דעם אַרבייטער, פערקלענערט זי אויך די ראָלע, וועל־כע ער שפּילט אין דעם גאַנצען פּראָצעס פון דער פּראָדוקציאָן. דער אמאָליגער בעל מלאכה האָט פערנומען א גאַנץ בכבוד'יגען פּלאַץ אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פון זיין צייט. אין דער פעריאָדע, ווען די מלאכה איז געווען די לערשענדע פאָרם פון דער ווירטשאַפט, איז ער געווען ביז א געוויסען גראַד דער אָרגאַניזאַטאָר און אַנפיהרער פון דער פּראָדוקציאָן. ער איז געווען דער בעל הבית פון זיין אייגענעם ווארשטאַט און פון זיינע ווערקגעצייג, וועלכע זיינען געווען קליין און האָבען ניט געקאָסט פיעל. אַלס אונטערנעהמער האָט ער גע־קויפט זיין אייגענעם רויה מאטעריאַל און האָט פערקויפט דעם פאַר־טיגען פּראָדוקט, הגם מייסטענטהיילס האָט ער געאַרבייט אויף בע־שטעלונג. די ארבייט איז אַנגעגאַנגען אונטער זיין השגחה. גע־וועהנליך, זיינען די בעל מלאכה'עס אין די שטעדט געווען אָרגאַני־זירט אין צעכען אָדער גילדס. יעדע מלאכה האָט געהאַט איהר איי־גענעם צעך, וועלכער האָט געטראָגען די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר די אַלגעמיינע לאַגע. די פאָרשטעהער פון דעם צעך האָבען בע־שטימט ווי אזוי די ארבייט זאָל אַנגעפירהט ווערען, אין וועלכע שטונדען, אונטער וועלכע בעדינגונגען א. ז. וו. די פעראייניגטע בעל מלאכות פון שטאָדט זיינען אויף אַזאַ אופן געווען די זעלבסטשטענ־דיגע פיהרער פון דער פּראָדוקציאָן. אָבער צו דער זעלבער צייט זיינען זיי אויך געווען ארבייטער. יעדער בעל מלאכה האָט געאַר־בייט אין זיין ווארשטאַט צו גלייך מיט די צוויי—דריי אָדער מעה־רערע פועלים, וועלכע ער האָט בעשעפטיגט. דער בעל מלאכה האָט

זיך ניט געפיהלט זעהר ווייט אבגעזונדערט פון דעם פועל, ווייל ער האט אימער געדענקט, אז ער איז אליין געווען א פועל, און אז זיינע פועלים וועלען מיט דער צייט אויך ווערען בעלי־מלאכות. דער איבערגאנג פון איין צושטאנד צו דעם אנדערען איז געווען א נאטירליכער. יעדער איינגעל, וועלכער איז אנגעקומען אין דער מלאכה, האט געוועהנליך אבגעדינט עטליכע יאהר אין דער לעהרע, האט דערנאך געארבייט א שטיק צייט אלס פועל און איז ענדליך געווארען א בעל הבית פאר זיך. אין פיעלע פאלען זיינען די לעהר־אינגלעך געווען די קינדער פון די בעל מלאכות גופא. הגם סכסוכים פלעגען אמאל פארקומען צווישען זיי, האבען דאך די לעהר־אינגלאך, די פועלים און די בעלי־מלאכות געוועהנליך געפיהלט, אז זיי זיינען מיטגליעדער פון איין און דער זעלבער עקאנאמישער ארגאניזאציאן, וועלכ איז דער יסוד פון דער שטאדטישער ווירטשאפט.

די לאגע פון דעם מאנופאקטור־ארבייטער איז שוין אין פיעלע הינזיכטען געווען ערגער. אין יענע אינדוסטריען, וואו די מאנופאקטור האט פערנומען דעם פלאץ פון דער מלאכה, איז די ראלע פון אונטערנעהמער אריבער צום סוחר. דער סוחר האט איינגעקויפט דעם רויהען מאטעריאל און האט פערקויפט דעם פארטיגען פראדוקט. ער האט געטראגען די גאנצע פעראנטווארטליכקייט פאר דער אונטערנעהמונג, אבער ער האט אליין ניט געארבייט. צוערשט האט ער צוטהיילט די ארבייט צווישען בעל מלאכות, וועלכע האבען געארבייט ביי זיך אין דער היים אויף דעם אלטען שטייגער. מיט דער צייט האבען די סוחרים אנגעהויבען בויען גרויסע געביידען, וואו זיי האבען פערזאמעלט זייערע בעל־מלאכות אונטער זייער אייגענער השגחה. אין אזוינע מאנופאקטור־פלעצער האט זיך צוביסלאך ענטוויקעלט די צוטהיילונג פון ארבייט און עס האבען זיך בעוויזען די ערשטע סימנים פון דער טעכנישער ערנידריגונג פון דעם פריהערדיגען בעל מלאכה. די מאנופאקטור ווערט דארום בעטראכט אלס איבערגאנגס־שטופע פון דער מלאכה צו דער פאבריק, אבוואהל אין פיעלע צווייגען פון פראדוקציאן האט זיך די מאנופאקטור קיין מאל ניט ענטוויקעלט און דער איבערגאנג פון מלאכה צו פאבריק איז געווען דירעקט.

אבער ערשט ביי דעם פאבריק־סיסטעם דערגרייכט די ראלע

פון דעם ארבייטער אין דער ארגאניזירונג פון דער פראדוקציאן די נידעריגסטע שטופע. די מאשין איז א קאסטבארער ארטיקעל. דאס איינארדנען פון דעם מעכאניזם, וועלכער איז נויטיג צו שאפען די טרייבענדע קראפט פאר דער מאשין, פאדערט א סך געלד. עס לוינט זיך דאריבער איינצוריכטען וואס מעהר מאשינען אין פערבינדונג מיט דעם צענטראלען אנטרייבענדען מעכאניזם. דארויף ווידער פאדערט זיך א גרויסע געביידע. א סך רויהע שטאף איז נויטיג פאר די פיעלע מאשינען. מיט איין ווארט, יעדע אונטערנעהמונג פאדערט א בעדייטענדען קאפיטאל, וועלכען די ארבייטער זיינען ניט ביכולת צו שאפען. די ארגאניזאטארישע ראלע נעהמט אויף זיך דאריבער דער קאפיטאליסט. עס איז קיין נפקא מינה, צו ער פערשטעהט די ארבייט, צו ניט. זיין ראלע איז צו שאפען די מאשינען, די געביידע, דאס רויהע שטאף א. ז. וו., מיט איין ווארט, דאס נויטיגע קאפיטאל. ער איז אויך פעראנטווארטליך פאר דעם פערקויף פון די פארטיגע פראדוקטען און פאר דעם ערפאלג פון דער אונטערנעהמונג. אלס בעל הבית פון דער אונטערנעהמונג האלט ער עס פאר זיין אויפגאבע צו בעשטימען די צאהל ארבייטער, וועלכע ער זאל בעשעפטיגען, די ארבייטס־שטונדען און אלע אנדערע בעדינגונגען פון דער ארבייט. כדי צו פערזיכערען דעם נארמאלען גאנג פון זיין פאבריק, פיהרט ער איין א ספעציעלע דיסציפלין, צייט־טאבעלען, קארדס, ביכלאך פון אלערליי מינים, שטראפען א. ז. וו. ער שטעלט אן אן אויפזעהער און ספעציעלע בעאמטע, וועלכע זאלען אבהיטען די דיסציפלין. די גאנצע פאבריק ווערט איינגעארדענט לויט זיין ווילען און פערשטאנד. דער ארבייטער האט מיט דעם אלעם גאר ניט צו טהאן. און דער קאפיטאליסט־ארבייטס־געבער פרעגט ביי איהם ניט קיין עצות. פון דעם שטאנדפונקט פון דעם קאפיטאליסט איז דער ארבייטער ניט מעהר ווי א שרויף אין דער פאבריק ־ ארגאניזאציאן, א טהייל פון דעם מעכאניזם, וועלכער דארף זיין אזוי בויגזאם און געהארכזאם, ווי דאס גאנצע סיסטעם.

ניט האבענדיג קיינע אינסטרומענטען און קיין רויה־מאטעריאל, קאן דער מאדערנער ארבייטער ניט בענוצען די קראפט, וועלכע איז פערקערפערט אין זיינע מוסקולען און פליסט אין זיין בלוט, סיידען א קאפיטאליסט, וועלכער בעזיצט די געהעריגע פראדוקציאנס־

מיטעל, דינגט איהם. דאָס הייסט, אַז דער אַרבייטער מוז פערקויפען זיין אַרבייטס־קראַפט, כדי צו נעהמען אַן אַנטהייל אין דער פּראָדוקציאָן און פערדיענען אויף זיין חיונה. דאָס איז ניט מעהר אַ צייטווייליגע זאַך, ווי אַמאָל ביי דער מלאכה. דער יעצטיגער אַרבייטער קאַן ניט פערדינען מיט זיינע אייגענע הענד אַזוי פיעל, אַז ער זאָל זיין אין שטאַנד אבצושפּאָרען גענוג קאַפּיטאַל צו ווערען אַליין אַן אַרבייטס־געבער. די איינצעלנע אַרבייטער, וועלכע רייסען זיך אַרויס פון דער אַרבייט, זיינען אויסנאַהמען. די גרעסטע מעהרהייט פערבלייבען אַרבייטער זייער גאַנץ לעבען און שיקען זייערע קינדער צו דער אַרבייט. דעם אַרבייטער'ס גאַנצער לעבען איז דאַריבער אָבהענגיג אַן דער מעגליכקייט צו פערקויפען זיין אַרבייטס־קראַפט צו דעם קאַפּיטאַליסט אויף די בעסטע בעדינגונגען.

אין דיעזער אויפגאַבע קאַן דער אַרבייטער ניט ערוואַרטען קיין הילף פון דעם אַרבייטסגעבער. דער קאַפּיטאַליסט מעג זיך זיין אַ פיינער מענש, אָבער אַלס בעל הבית פון זיין אונטערנעהמונג האָט ער נור איין אינטערעס: צו זיין ערפאָלגרייך, צו מאַכען וואָס מעהר געלד. אַלס קאַפּיטאַליסט איז ער דורכגעדרונגען מיט אַ פיבערהאַפטער שטרעבונג אויפצוהאַלטען זיין קאַפּיטאַל און אויף ווי ווייט מעגליך צו פערגרעסערען איהם. ער וויל מאַכען זיינע פּראָדוקטען וואָס ביליגער, כדי ער זאָל קאָנען פערקויפען מעהר. ער וויל פערקויפען וואָס מעהר, כדי ער זאָל מאַכען מעהר פּראָפיט און פערגרעסערען זיין קאַפּיטאַל. ער וויל האָבען מעהר קאַפּיטאַל כדי צו פערגרעסערען זיין געשעפט, צו פּראָדוצירען מעהר, צו פערקויפען מעהר א. ז. וו. עס איז אַן אונענדליכער פּראָצעס, ווייל דאָס אָנזאַמלען פון קאַפּיטאַל האָט קיין גרעניץ ניט און די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן איז דורכגעדרונגען מיט אַן אינערליכען שטרעבען צו פערגרעסערען אונאויפהערליך איהרע אָפּעראַציעס. יעדער קאַפּיטאַליסט איז דאַריבער ניט נור נייגעריג צו קויפען זיין רויהען מאַטעריאַל וואָס ביליגער, צו שפּאָרען אויף דירה געלד, לייכטונג, הייצונג א. ז. וו., נור ער איז אויך שטאַרק פּעראינטערעסירט אין דעם, אַז די אַרבייטס־קראַפט, וועלכע ער בעדאַרף אין זיין פאַבריק, זאָל איהם קאָסטען וואָס ביליגער. אויב ער קען אַנפיהרען זיין פאַבריק מיט דער הילף פון פרויען און קינדער, וועלכע זיינען בּרייט צו אַרביי־

טען ביליגער ווי מענער, וועט ער עס מיט פערגעניגען טהאן. ער וועט פערלענגערען אויף ווי ווייט מעגליך די ארבייטס־צייט אין דער פאבריק, כדי אויסצונוצען וואס מעהר די מאשינען. די געביידע און די ארבייטער. ער וועט ארויסזאגען די נשמה פון דעם ארבייטער, כדי אויסצוארבייטען א גרעסערע צאהל פראדוקטען אין א בעשטימטער צייט. מיט אייןווארט, ער וועט טהאן אלעס, וואס עס איז נור מעגליך צו פערקלענערען זיינע הוצאות און צו פערגרעסערען זיין פראדוקציאן, ניט אכטענדיג אויף די פיזישע און מאראלישע רעזול־טאטען פאר די ארבייטער. דאס קלינגט הארט, זאגאר אונמענש־ליך, אבער עס איז אן אונפערמיידליכער פאקט, ווייל וואס פאר א בריה דער קאפיטאליסט זאל ניט זיין אין קויפען און פערקויפען, העננמ דאה אב דער ערפאלג פוז זייז געשעפט הויפטזעכליך פון דער פראצע פון זיינע ארבייטער. וואס מעהר ארבייטס־קראפט זיי לעגען ארייז אין דער פראדוקציאן, פאר וועלכע זיי קריגען ניט קיין בעלוינונג, אלץ גרעסער איז דער פראפיט פון דעם ארבייטס־געבער.

דיזער פונדאמענטאלער געגענזאץ צווישען ארבייטער און אר־בייטס־געבער ווערט טיעפער, וואס ווייטער די אינערליכע פערגרע־סערונגס־טענדענצען פון דער פאבריק שלאגען זיך דורך זייער וועג. אין די קליינע פאבריקען קומען נאך ארבייטער און בעל הבית'ים ווי עס איז אין בעריהרונג און קאנען נאך אויפהאלטען אמאל אזוינע פערזענליכע בעציהונגען, וועלכע האבען עקזיסטירט אין די ווארש־טאטען פון די בעלי־מלאכות. אבער וואס גרעסער עס ווערט די פאבריק, אלץ קאמפליצירטער ווערט איהר ארגאניזאציאן און אלץ ברייטער און העכער ווערט די וואנד צווישען ארבייטער און אר־בייטס־געבער. אין די מאדערנע אונטערנעהמונגען, וועלכע זיינען ארגאניזירט אלס קארפארייש אנס, זיינען די בעל הבית'ים צוזעעט און צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט. נור זייערע פארשטעהער און בעאמטע קומען אין דירעקטער בעריהרונג מיט דעם געשעפט. די בעלי־הבית'ים און זייערע פארשטעהער בילדען א מין אינדוס־טריעלע אליגארכיע, א קליינע אינדוסטריעלע אריסטאקראטיע, וועל־כע האט ניט קיין אינטערעס אין דעם ארבייטער. זיי צוימען זיך אב פון איהם דורך א לאנגע רייהע פון אויפזעהער, פערוואלטער, פארלייטע א. ז. וו., וועלכע זיינען טיעף דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון דעם אמאליגען שקלאפען־טרייבער און וועלכע קוקען אויף

דעם ארבייטער נור ווי אויף א לייטער, אויף וועלכען זיי קאנען ארויפקלעטערען צו א העכערען עקאנאמישען און סאציאלען צו־שטאנד.

אלס פערקויפער פון זיין ארבייטס־קראפט האט דער מאדערנער פראלעטאריער אויסצושטעהען נאך אנדערע צרות. די פאבריק איז די העכסטע שטופע פון דער סחורה־ווירטשאפט. זאכען ווערען פראָ־דוצירט ניט פאר דעם אייגענעם געברויך, נור פאר'ן מארק, וועלכער ווערט אלץ ברייטער און ברייטער, ביז ער כאפט ארום די גאנצע וועלט. די שיך, וועלכע ווערען פראדוצירט אין די פאבריקען פון מאססאטשוזעטס, ווערען פערקויפט אין קאליפארניא, קאנאדא, ענג־לאנד א. ז. וו. די מאשינען פון דעם „הארוועסטער טראסט“, וועל־כע ווערען געמאכט אין אמעריקא, ווערען בענוצט פון די פויערים אין רוסלאנד. יעדע קאפיטאליסטישע אונטערנעהמונג שטרעבט צו פערכאפען דעם גרעסטען טהייל פון דעם מארק פאר איהרע פראָ־דוקטען און פיהרט אן א שארפע קאנקורענץ מיט אלע אנדערע אונ־טערנעהמונגען פון דעם זעלבען מין. די פראדוקציאן ווערט אויף אזא אופן אבהענגיג פון אלע קאפריזען פון דעם מארק און פערלירט די פעהיגקייט זיך צוצופאסען צום געברויך. אפטמאל געפינען די קאפיטאליסטען פון דער אדער יענער אינדוסטריע אויס, אז זיי האָ־בען פראדוצירט מעהר, ווי דער מארק פאדערט. זיי שטעלען אב זיי־ערע פאבריקען אויף א ווייל און דער ארבייטער פערלירט זיין שטעלע. פון צייט צו צייט קומט דאס פאר ניט אין איין איינצי־גער אינדוסטריע, נור אין אלע צווייגען פון דער פראדוקציאן, און ניט אין איין לאנד, נור אין אלע לענדער מיט אמאל. אבער די אר־בייטסלאזיגקייט איז ניט נור א פאלגע פון פעריאדישע קריזען. זי איז ענג פערבונדען מיט דעם פאבריקס־סיסטעם און עקזיסטירט צו יעדער צייט אין א גרעסערע אדער קלענערע מאס. עס איז אויסגערע־כענט אז אין די בעסטע צייטען פון „פראספעריטי“ פון אינדוסטריע־לען אויפשוואונג זיינען דא אין לאנד העכער א מיליאן ארבייטסלאָ־זע. אין אייניגע אינדוסטריען איז סלעק פון סיזאן צו סיזאן. אין אנ־דערע, ווייל דער ארטיקעל איז ארויס פון מאדע. אין נאך אנדערע, ווייל נייע מאשינען ווערען אייגגעפיהרט פון צייט צו צייט און עס פאדערט זיך ווייניגער הענד א. ז. וו.. אבער וואס עס זאל ניט זיין די

אורזאכע, דער ארבייטער ווייס איין זאך: ער איז פריש, געזונד און בערייט צו פערקויפען זיין ארבייטס־קראפט, אבי צו פערדיענען דאס נויטיגסטע אויף א לעבען, אבער קיינער וויל ביי איהם זיין סחורה ניט קויפען. עס איז קיינעמ'ס ניט דאגה צו ער האט וואס צו עסען, צו ניט.

אבער זאגאר ווען דער ארבייטער האט ארבייט, איז ער ניט אין גאנצען זיכער מיט זיין פלאץ. צו יעדער צייט קאן איהם דער בעל־הבית אדער דער משגיח פון אונטערנעהמונג הייסען געהען. די מאדערנע פאבריק איז א סיסטעם אהן א הארץ. זי האט ניט קיינע טראדיציעס און וויל ניט וויסען פון קיינע סענטימענטען. ווען עס לוינט זיך דעם קאפיטאליסט אוועקצושיקען אן ארבייטער פון זיין פאבריק, פאר וועלכער עס איז אורזאכע, וועט ער עס טהאן. אונטער קיינע פון די פריהערדיגע ווירטהשאפט־סיסטעמען האט דער ארבייטער ניט געלעבט אין אזא אונזיכערהייט, ווי אונטער דעם פאבריק־סיסטעם. אין דער פעריאדע פון דער מלאכה האט דער פועל געפונען שטיצע אין די מנהגים פון דער צייט, וועלכע האבען געפאדערט, אז יעדער מענש זאל זיין פערזארגט לויט זיין צושטאנד. אין דער מאנופאקטור איז דער ארבייטער געווען ביז א געוויסען גראד פערזיכערט דערמיט, וואס ער האט געוועהנליך געוואהנט אין קליינע שטעדטלאך אדער זאגאר אין דערפער און האט געהאט זיין אייגענע שטוב און א שטיקעל ערד. דער מאדערנער ארבייטער איז אין גאנצען אבגעריסען פון יעדער אנדערער ארבייט, חוץ זיין מאשין. ער וואהנט אין גרויסע שטעדט, וועלכע זיינען אויסגעוואקסען מיט דעם פאבריק־סיסטעם, און איז זאגאר ניט פערזיכערט מיט א היים. ער איז איינער פון טויזענדע אדער מיליאנען, וועלכע זוכען ארבייט אין אן אינדוסטריעלער וועלט, און וועלכער מנהג, געפיהל, פערזענליכע פריינדשאפט זיינען לאנג חרוב געווארען. ער איז ניט מעהר, ווי דער אייגענטהימער פון אביסעל ארבייטס־קראפט, וועלכע דער קאפיטאליסטישער אונטערנעהמער בעטראכט מיט שארפע אויגען און קאלטער אויסרעכענונג, ווי א שטיקעל טויטע סחורה.

בעזאנדערס ביטער פיהלט דער ארבייטער זיין עקאנאמישע אונזיכערהייט, ווען ער ווערט עלטער אדער קראנק. ווי לאנג און געטריי ער זאל ניט האבען געארבייט, פערלירט ער זיין פלאץ אין דער

אינדוסטריע. די פאבריק איז בעזאנדערס גרויזאם צו די עלטערע מענשען. וואס מעהר עס ענטוויקעלט זיך די מאשינען־אינדוסטריע, אלץ מעהר פאדערט די פאבריק מענשען אין דעם פולען בליהען פון זייערע כחות מיט פרישע מוסקולען און יונגעס בלוט. מענשען, וועלכע זיינען איבער פופציג יאהר אלט, טויגען ניט, און וואס וויי־טער, אלץ שווערער ווערט עס פאר א מענשען איבער פערציג יאהר אלט צו האלטען זיין פלאץ אין דער אינדוסטריע. דאס זעלבע איז אויך אמת בנוגע צו די ארבייטער, וואס ווערען קראנק. די קאפי־טאליסטען קאנען זיך ניט רעכענען מיט די פערזענליכע פראבלעמען פון דיעזע ארבייטער. זיי מוזען אנטרייבען זייערע געשעפטען, און די פאבריק האט איהר אייגענע לאגיק.

די אונזיכערהייט פון דעם מאדערנעם ארבייטער ווערט נאך פערגרעסערט דורך די פיעלע געפאהרען, וועלכע זיינען פערבונדען מיט מאשין־ארבייט. די ווערק־געצייג פון דעם בעל־מלאכה זיינען געווען קליין און איינפאך, און האבען ניט פארנעשטעלט מיט זיך קיין גרויסע געפאהר. אבער די מאדערנע מאשינען זיינען אונגעהייער. זיי בעוועגען זיך מיט א שנעלקייט, פון וועלכער דער קאפ פער־דרעהט זיך. זייערע רעדער און רעדלעך, פאסען, מעסער א. ז. וו. דראהען דעם ארבייטער יעדע מינוט פון טאג, און פאדערען פון איהם אן אויסערגעוועהנליכע פארזיכטיגקייט, וועלכע עס איז שווער לאנג אנצוהאלטען ביי שווערער און אינטענסיווער ארבייט. נויטוועגדיגערווייזע, קומען פאר צופעלע, וועלכע רויבען אוועק פון דעם ארבייטער זיין איינציגעס פערמעגען, זיין ארבייטס־קראפט. קיין פריהערדיגע עפאכע האט ניט געליטען אזוי פיעל פון דעם פראב־לעם פון ארבייטס־צופעלע. אבער ביי דעם פאבריק־סיסטעם איז דאס איינע פון די וויכטיגסטע פראגען אין דעם לעבען פון דעם אר־בייטער. אין די פעראייניגטע שטאאטען, צום ביישפיעל, קומען פאר העכער צוויי מיליאן צופעלע א יאהר, פון וועלכע פערציג טויזענד ענדיגען זיך מיט דעם טויט פון דעם ארבייטער. העכער צוויי הונדערט טויזענד צופעלע זיינען אזוי ערנסט, אז דער ארבייטער מוז אויפגעבען זיין ארבייט אויף א לענגערע צייט.

צו דיעזע אלע פראבלעמען וועגען שכירות, ארבייטסלאזיג־

קייט, אַרבייטס־צופּעלע און אַלגעמיינע אַרבייטס־בעדינגונגען קומט נאָך צו די פראַגע וועגען דעם אַרבייטערס היים, זיין וואָהנונג, די ערציהונג פון זיינע קינדער א. ז. וו. דאָס איז אויך אַ דירעקטע פאָלגע פון דער פאַבריק, ווייל ערשט אין דער לעצטער עפּאָכע, זינט עס האָט זיך אַנגעהויבען ענטוויקלען דאָס פאַבריק־סיסטעם, זיינען אויסגעוואַקסען ריזיגע שטעדט מיט גרויסע טענעמענט־הייזער. קיין פריהערדיגע עפּאָכע האָט ניט געוואוסט פון אַזאַ ענגשאַפט, פון אַזוינע דירה־פראַגען, וועלכע פערביטערען יעצט דאָס לעבען פון דעם אַרבייטער.

מיט איין וואָרט, די ווירקונג פון דער פאַבריק אויף דעם אַרבייטער איז אויסגעהאַלטען אין אַלע הינזיכטען. וועלכע זייט פון דעם פאַבריק־סיסטעם מען זאָל ניט בעטראַכטען, האָט זי די טענדענץ צו פערערגערען די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לאַגע פון דעם מאָדערנעם אַרבייטער. די איינפיהרונג פון דער מאַשין צערשטערט דעם יסוד פון זיין טעכנישער אינדיווידואַליטעט. דאָס אַריינדרינגען פון פרויען און קינדער אין דער אינדוסטריע שלאָגט אַראָב דעם פרייז פון דער מענשליכער אַרבייט און פערלענגערט די אַרבייטס־שטונדען. אַרבייטס־לאָזיגקייט און צופּעלע ברייננען איהם צו דעם אָבגרונד פון אָרעמקייט. דאָס לעבען אין די גרויסע שטעדט ביי אַזוינע בעדינגונגען שאַפט אַ מורא'דיגע ענגשאַפט און שמוץ און צערשטערט דאָס פאַמיליען־לעבען פון דעם אַרבייטער. די דיסציפּלין פון דער פאַבריק און די הערשענדע ראָלע פון קאַפּיטאַל דעמאָראַליזירען דעם כאַראַקטער פון דעם אַרבייטער און ענטוויקלען אין איהם די געפיהלען פון אונזיכערהייט, מורא און אונטערטהעניגקייט.

ווען דער אַרבייטער וואָלט געבליבען פּאַסיוו אונטער דיעזע בעדינגונגען, וואָלט די פאַבריק איהם ווירקליך געבראַכט צו דעם אָבגרונד פון עקאָנאָמישער און סאָציאַלער ערנידריגונג. אָבער דאָס נאַטירליכעם שטרעבען פון יעדען מענשען צו פערבעסערען זיין לאַגע צווינגט דעם אַרבייטער צו רעבעלירען געגען די טענדענצען פון דעם פאַבריק־סיסטעם. איבעראַל, וואו די פאַבריק ענטוויקעלט זיך, הויבט ער אָן זוכען מיטלען, ווי בייצוקומען איהרע שלעכטע פאָלגען. און איבעראַל קומט ער פריהער אָדער שפּעטער צו דעם זעלבען מיטעל — דעם טרייד — יוניאָניזם.

צווייטער קאפיטעל

די גרונד־פרינציפען פון דעם טרייד־יוניאניזם.

די נויטווענדינקייט פון עקאנאמישער פעראייניגונג; די אידעאלאגיע פון דעם עקאנאמישען אינדיווידואליזם; די פרינציפען פון דעם טרייד־יוניאניזם; די שוואכקייט פון דעם איינצעלנעם ארבייטער; די עקאנאמישע אונגלייכהייט פון ארבייטער און ארבייטסגעבער; די בעדייטונג פון קאלעקטיווע דינגען זיך; די אידעען פון „קאממאן רולס" און „סטענדערד אוו ליווינג"; דער טרייד־יוניאניזם און פערזענליכע פרייהייט; דער קאנטראל פון דער פאבריק; אייגענטהום'ס רעכט און מענשליכע רעכטע; דער בעוועגענדער גייסט פון דעם טרייד־יוניאניזם.

דאס שטרעבען פון די ארבייטער צו פעראייניגען זייערע קרעפטען אין קאמפף געגען די שלעכטע פאלגען פון דעם פאבריק־סיסטעם איז ניט מעהר ווי נאטירליך. עס איז א בעשטימטע פארם פון דער אלגעמיינער געזעלשאפטליכער נאטור פון דעם מענשען, וועלכע האט צו יעדער צייט און אונטער אלע בעדינגונגען געפונען אן אויסדרוק אין פערשידענע פעראייניגונגען פאר אלערליי צוועקען. עס וואלט דאריבער געשיינט צו זיין גאנץ איבעריג צו ערקלעהרען, ווארום די ארבייטער ווילען ניט פערבלייבען אין א צושטאנד פון אבגעזונדערטקייט און גרינדען ספעציעלע ארגאניזאציאנען פאר געמיינשאפטליכע עקאנאמישע ציעלען. דאס וואלט געדארפט זיין אזוי קלאהר פאר יעדען ווי דער שטרעבען פון מענשען צו גרינדען פאליטישע, קולטורעלע און אנדערע פעראיינען. עס וואלט, דאגעגען, געדארפט אויסזעהען זאנדערבאר, וואס א גרויסער טהייל פון די ארבייטער שטעהען ניט צו צו דיעזע ארגאניזאציאנען. ווארום, פאר וואס זאל די געזעלשאפטליכע חיה־מענש ניט אויסדריקען איהרע געזעלשאפטליכע אינסטינקטען ספעציעל אויף דעם עקאנאמישען געביעט, וועלכער איז דער פונדאמענט פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען?

עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז דוקא דאָס שטרעבען פון די ארביי־טער צו עקאָנאָמישער פּראָייניגונג איז פערדאמט געוואָרען אין דעם משך פון די לעצטע הונדערט יאָהר אויף דעם שטאַרקסטען אופן. די אורזאכע דערפון איז אַ גאַנץ פּשוט׳ע. די רעוואָלוציאָן אין דער אינ־דוסטריע, וועלכע האָט געשאַפען די מאָדערנע פאבריק, האָט געפאָ־דערט די העכסטע אנשטרענגונג פון אַלע אינדיווידועלע קרעפטען פאר איהרע צוועקען. וואָס מעהר יעדער האָט געטראַכט וועגען זיך און וואָס ווענינער ער האָט זיך געקימערט פאר אַנדערע, אַלץ אינ־טענסיווער האָט ער געקאָנט ארבייטען, אַלץ ווייטער האָט ער גע־קאָנט ענטוויקלען די פּרינציפּען פון דער נייער אינדוסטריעלער טעכניק, אַלץ גרעסערע רייכטהימער האָט ער געקאָנט שאַפען. וואָס ווייטער דאָס איז אָנגעגאַנגען, אַלץ מעהר איבעררואשט זיינען די מענשען געוואָרען פון די אונגעהייערע פּראָדוקציאָנס־קרעפטען, וועלכע זיי האָבען געשאַפען, און אַלץ אונבעשרענקטער איז געוואָרען זייער תאוה צו פערגרעסערען די מיטלען אין זייערע הענד. די בע־זיצער פון קאַפּיטאַל, וועלכע האָבען אריינגענומען אין זייערע הענד די אָרגאַניזאציאָן פון דעם נייען פּראָדוקציאָנס־סיסטעם, האָבען זיך אריינגעוואָרפען מיט אַ פייער אין זייער נייע ראָלע און האָבען פער־קערפּערט אין זיך דעם פיבערהאַפטען גייסט פון דער נייער אינ־דוסטריעלער עפּאָכע. זיי האָבען פּארמולירט דעם פּראָטעסט גע־גען יעדער פאָרם פון ארבייטער־האנדלונג, וועלכע האָט געקענט אין דעם מינדעסטען בעשרענקען זייער עקאָנאָמישע טהעטיגקייט. זיי־ערע אינטערעסען האָבען בעגייסטערט די דענקער, וועלכע האָבען אויף זיך גענומען די אויפגאַבען צו בעפעסטיגען די עקאָנאָמישע יסודות פון דעם קאַפּיטאַליזם מיט דער בעגרינדונג פון דער אינדי־ווידואַליסטישער פילאָזאָפיע.

דער הויפּט געדאַנק פון דעם עקאָנאָמישען אינדיווידואַליזם, וועלכער איז אַ לאַנגע צייט געווען דער אידעאָלאָגישער פונדאמענט פון דעם פאַבריק־סיסטעם, בעשטעהט אין דער השערה, אַז ווען אַלע מענשען זיינען פריי צו האַנדלען עקאָנאָמיש, ווי זיי פערשטעהען און ווי זיי דיקטירט זייער פערזענליכער אינטערעס, וועלען זיי נאַ־טירליכערווייזע טהוען דאָס, וואָס איז בעסער ניט נור פאר זיי, נור אויך פאר דער גאַנצער געזעלשאַפט. דיעזע השערה איז געגרינ־

דעם אויף דעם גלויבען, אַז די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון אַלע מענשען זיינען דיזעלבע און אַז יעדער מענש וועט אַליין טהאָן אַהן יעדען צוואַנג דאָס, וואָס ער האַלט פאַר בעסער פאַר זיך און פאַר דער געזעלשאַפט. דער לאָגישער שלוס פון דיזער טהעאָריע איז די פאָדערונג, אַז דער יחיד זאָל האָבען די פרייהייט צו טהאָן עקאָנאָמיש, ווי ער פערשטעהט. ער דאַרף זיין פריי צו געהען פון פּלאַץ צו פּלאַץ, צו אַרבייטען וואו ער וויל און ווי אַזוי ער וויל, צו בייטען זיין בעשעפטיגונג צו יעדער צייט, אָדער גאָר ניט אַרבייטען, אויב ער וויל נים. די פרייהייט דאַרף זיך בעציהען ניט נור אויף דעם מענשען, נור אויך אויף די מעטאָדען פון אַרבייט. די פאַבריק טאָר ניט זיין געבונדען פון אַזוינע מנהגים און פאַרשריפטען וועלכע האָבען אַרומגערינגעלט די פּראָדוקציאָן אין צייט פון דער מלאכה. די פאַבריק־אַרבייט דאַרף זיין פראַנק און פריי אונטער דער השגחה פון דעם אייגענטהימער, וועלכער דאַרף האָבען דאָס רעכט אַנצופיהרען זיין פאַבריק, ווען ער וויל, מיט אַלערליי מאַשינען און אונטער אַלערליי בעדינגונגען.

די פרייהייט פון דעם אַרבייטער צו פערקויפען זיין אַרבייטס־קראַפט און די פרייהייט פון דעם קאַפּיטאַליסט צו קויפען ווען און וואָס ער וויל פיהרט דערצו, אַז די פערהאַנדלונגען צווישען זיי זאָלען אננעהמען דעם כאַראַקטער פון אַ קאָנטראַקט. דער אַרבייטער שטעלט געוויסע בעדינגונגען, וועלכע דער אַרבייטס־געבער נעהמט אַן און פערקעהרט. לויט דעם אינדיווידואַליסטישען געדאַנק דאַרפען דיזע פערהאַנדלונגען זיין אַ פּערזענליכע זאַך צווישען דעם אַר־בייטסגעבער און יעדען איינצעלנעם אַרבייטער. דער אינדיווידו־אַליסט טענה'ט, אַז יעדער מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט דאַרף זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר זיך זעלבסט און דאַרף זיך פערלאָזען אויף זיינע אייגענע כחות אין דעם קאַמפּף פאַר לעבען. דער איינצעלנע אַרבייטער און דער אַרבייטס־געבער דאַרפען דאַריבער זיך אַליין דינגען צווישען זיך און דאַרפען שליסען אַן אינדיווידועלען קאָנט־ראַקט יעדער אויף זיינע אייגענע אחריות.

אויף דעם גרונד פון דיזער פילאָזאָפיע האָבען די הערשער פון דער מאָדערנער אינדוסטריע אַטאַקירט און אַטאַקירען נאָך יעצט יע־

דען פערזוך פון די ארבייטער צו פעראייניגען זיך. אויף וויפיעל די ארבייטסגעבער האָבען נור געקאנט, האָבען זיי געפּרופט איינצופּלאַנ־צען די אידעען פון זייער עקאָנאָמישען אינדיווידואַליזם אין די רעכטליכע און פּאָליטישע איינריכטונגען, וועלכע זיינען פערבונדען מיט דעם פאבריק־סיסטעם. די ארבייטער זיינען דאריבער געווען גע־צוואונגען צו אַנאַליזירען דיזע גאנצע פילאָזאָפיע און צו בעווייזען, אַז זי איז גרונד־פאַלש, אונטער מאָדערנע אינדוסטריעלע בעדינ־גונגען. דער אויסגאַנגס־פּונקט פון דער טרייד־יוניאָניסטישער טהעאָריע איז דער געדאַנק, אַז דער איינצעלנע אַרבייטער איז ניט פריי און ניט גלייך צו דעם ארבייטסגעבער אין דעם עקאָנאָמישען קאמפּף, אַז ער איז בשום אופן ניט אין שטאנד אליין צו פערהאַנד־לען ריכטיג מיט דעם אַרבייטסגעבער וועגען די בעדינגונגען פון דעם אַרבייטס־קאָנטראַקט, און אַז די אַרבייטער מוזען זיך פעראייניגען כדי אַנצופיהרען די פערהאַנדלונגען מיט די ארבייטס־געבער אויף אַ געמיינשאַפטליכען אופן.

די בעהויפּטונגען פון דעם טרייד־יוניאַניזם זיינען געגרינדעט אויף אַן אַלגעמיינער קריטיק פון דעם ארבייטערס לאַגע אויף דעם מאַרק. ווי מיר האָבען בעוויזען אין דעם ערשטען אַרטיקעל, עק־זיסטירט ביי דעם פאבריק־סיסטעם אַ ספּעציעלער מאַרק, אויף וועל־כען דער ארבייטער ערשיינט אלס פערקויפער פון זיין ארבייטס־קראַפט. יעדעס מאַל, ווען אַן איינצעלנער אַרבייטער זוכט ארבייט, איז ער אין דער לאַגע פון אַ סוחר אויף מאַרק, וועלכער האָט נור איין שטיקעל סחורה, זיין ארבייטס־קראַפט. דער קויפער איז דער אַר־בייטס־געבער. און דער מסחר קומט פאָר צווישען דעם ארבייטער און דעם אַרבייטס־געבער.

דער רעזולטאַט פון יעדען מסחר הענגט אָב פון די אונטער־האַנדלונגען צווישען קויפער און פערקויפער. נור דאַן ווען זיי ביידע זיינען אין מעהר אָדער וועניגער גלייכע בעדינגונגען, קאַן מען ער־וואַרטען, אַז זיי זאָלען ביידע בלייבען צופרידען מיט דעם מסחר. אין דעם פאַל פון דעם ארבייטס־מאַרק איז דער פערקויפער אָבער אימער אין אַן ערגערער לאַגע, ווען ער איז אַליין. ער מוז דאריבער שטענדיג מאַכען אַ שלעכטען מסחר און בלייבען אונצופריעדען.

די זיכטיגסטע אורזאכע דערפון איז די אונגלייכהייט פון עקאָ־נאָמישען דראנג. ווען דער ארבייטס־געבער נויטיגט זין אין ארביי־טער און וויל אַ זאך ניט נאָכגעבען זיינע פאָדערונגען, האָט ער אַ גאַנצע רייהע פון ברירות. ער קאן איינרעדען זיינע איבעריגע אַר־בייטער אז זיי זאָלען ארבייטען שנעלער אָדער לענגערע שטונדען. אין ערגסטען פאל וועט ביי איהם בלייבען שטעהען אַ מאשין אָדער עטליכע מאשינען, און ער וועט פערלירען אַ געוויסע סומע געלד. אָבער ער דארף צוליעב דעם חלילה ניט ארומגעהען הונגעריג אָדער פריהרען, און זיין פרוי און קינדער וועלען דערפון ניט ליידען. דער ארבייטס־געבער, וועלכער איז ביי דעם פאבריק־סיסטעם אַ קאפי־טאַליסט, איז פערזאָרגט מיט אַלע זיינע בעדערפניסען און זאָגאר קאָמפארטען, און ער קאן זיך בעגעהען אָהן אַן ארבייטער אָדער אָהן עטליכע ארבייטער אַ לענגערע צייט. אָבער דער ארבייטער איז אין אַ גאַנץ אַנדער לאַגע. אויב ער ענטזאגט זיך אנצונעהמען די בע־דינגונגען, וועלכע דער ארבייטסגעבער שלאָגט איהם פאר, פערלירט ער זיין חיונה. דער ארבייטער האָט ניט קיינע קאפּיטאלען. ער איז ניט פערזארגט אויף וועלכע עס איז בעדייטענדע צייט. ער און זיין פאמיליע לעבען פון זיינע פערדינסטען, און אויב ער ארבייט ניט, האָבען זיי ניט וואס צו עסען. יעדער פערלאָרענער טאָג איז אַ אונ־גליק און ברייננגט מיט זיך פיזישע און מאראלישע ליידען. דער געדאנק, אַז ער וועט פערלירען אַ טאָג און וועט דארפען דעם נעקס־טען טאָג ווידער ארומלויפען נאך ארבייט, שרעקט דעם ארבייטער. ער ווערט ווייכער און איז בערייט נאָכצוגעבען. דער ארבייטס־גע־בער וויים זיין עקאָנאָמישע שוואכקייט, און בענוצט זיך מיט איהר פאר זיינע אייגענע צוועקען.

אָבער זאָגאר ווען דער אַרבייטער וואָלט ניט געווען אין אַזא עקאָנאָמישען צושטאנד, וואָלט ער אויך ניט געווען גלייך צו דעם ארבייטס־געבער אין זייערע געגענזייטיגע פערהאַנדלונגען. דער ארבייטער, אלס פערקויפער פון זיין אַרבייטס־קראפט, איז אין דער לאגע פון אַ סוחר, וועלכער איז ניט בעקאנט מיט די בעדינגונ־גען פון דעם מארק. דער איינצעלנע ארבייטער האָט ניט די צייט און ניט די מיטלען אויסצוגעפינען, וואָס עס טהוט זיך אין דער אינ־דוסטריע, אין וועלכער ער זוכט ארבייט. ער קאן ניט וויסען, אויב

די אינדוסטריע איז אין אַ גוטען צושטאַנד, ווי דרינגענד עס איז די פאָדערונג נאָך ארבייטער, וויפיעל ארבייטער איז אַנדערע פאַב־ריקען קריגען א. ז. וו. אלס יחיד, וועלכער שטעהט ניט אין פער־בינדונג מיט זיינע חברים, איז דער ארבייטער גאַנץ פערלאָרען אין די אַלע פראַגען פון אינדוסטריעלען לעבען. דער ארבייטס־גע־בער, פערקעהרט, ווייסט, וואס עס טהוט זיך אויף דער וועלט. ער איז אין נאָהענטער בעריהרונג מיט אינדוסטריעלע ערשיינונגען און וויים דעם צושטאַנד פון דעם מארק. ער וויים, וויפיעל ארבייטער ער קאָן בעציהען פון אַנדערע שטעדט. ער איז אין אַלע הינזיכטען בעסער פאַרבערייטעט צו פערהאַנדלען, ווי דער ארבייטער. חוץ דעם איז דער ארבייטס־געבער בכלל א גרעסערע בקי אין הלכות מסחר, ווי דער ארבייטער, ער קען בעסער די קונסט און וויים ווי צו מאַכען אַן אַנשטעל, אַז ער דאַרף דעם ארבייטער אויף טויזענד כפּרות. דער ארבייטער, ווידער, איז זעהר זעלטען אין שטאַנד צו בעהאַלטען זיי־נע געפיהלען און ניט ארויסצוצייגען, ווי שטארק ער נויטיגט זיך אין דער ארבייט.

ווען דער בעל הבית פון א פאַבריק אָדער זיין פערטרעטער נעהמט ארויף אַן ארבייטער, בעדינגען זיי זיך געוועהנליך וועגען די שכירות. אָפטמאָל בעשטימען זיי אויך די ארבייטס־שטונדען. אָבער דערמיט ענדיגען זיך די פערהאַנדלונגען. דער איינצעלנע ארבייטער קאָן ניט שטעלען דעם בעל הבית קיינע אַנדערע בעדינגונגען. ווען ער קומט ארויף צו דער ארבייט, מוז ער זיך צופּאַסען צו די בעדינ־גונגען פון דער פאבריק, צו זיי געפעהלען איהם, צו ניין. ער מוז ארבייטען מיט ווען דער בעל הבית הייסט איהם; ער מוז זיך רעכענען מיט דעם פערוואַלטערס פאָדערונגען וועגען שנעלקייט און מוז טהאָן טויזענדער אַנדערע זאַכען, וועלכע זיינען א טהייל פון דער דיסציפּלין. אָבער וועגען דיזע אַלע בעדינגונגען האָט ער אפילו ניט גערעדט מיט דעם ארבייטס־געבער. געוויס, אויב די פאַבריק גע־פעהלט איהם ניט, האָט ער א ברירה. ער קאָן אוועקגעהען און זוכען אַנדערע ארבייט. אָבער אין דער צווייטער פאַבריק וועט ווידער פאָרקומען דאָס זעלבע. דער קאָנטראַקט, וועלכען דער איינצעלנע ארבייטער און דער ארבייטס־געבער מאַכען צווישען זיך, דער זאָ־גענאַנטער אינדיווידועלער קאָנטראַקט, איז אין דער ווירקליכקייט

ניט קיין קאָנטראַקט אין דעם אמת'ן זינן פון וואָרט. ער איז ניט מעהר ווי אַ מינדליכע פערהאַנדלונג. דער בעל הבית זעצט זיך ניט אַוועק שרייבען אַ קאָנטראַקט מיט יעדען איינצעלנען ארבייטער. אַלס פאָלגע דערפון טראָגט דער אינדיווידועלער ארבייטס־קאָנט־ראַקט זעהר אַן אונקלאָהרען כאַראַקטער. די וויכטיגסטע בעדינגונ־גען פון דעם פאַבריק־לעבען בלייבען אונבעשטימט און דער ארביי־טער מוז גוטהייסען, וואָס דער בעל־הבית געפינט פאַר נויטיג. דאָס הייסט, אַז דער אינדיווידועלער קאָנטראַקט פערשטאַרקט נאָך די מעגליכקייט פון דעם ארבייטס־געבער אויסצונוצען צו יעדער צייט די עקאָנאָמישע שוואַכקייט פון דעם ארבייטער.

צו דעם אַלעם מוז מען נאָך געדענקען, אַז אויף יעדען פּלאַץ זיינען פאַראַן מעהרערע ארבייטער. זאָגאַר אין די בעסטע צייטען זיינען אין יעדער אינדוסטריע פאַראַן מעהר ארבייטער, ווי דער בעל הבית דאַרף. ווען אַ קאַפּיטאַליסט רעקלאַמירט, אַז ער דאַרף הענד, רופען זיך אָב אויף זיין פאָדערונג מעהר הענד ווי ער פאָדערט. ער קאַן דאַריבער גאַנץ קאָלטבלוטיג אויסקלייבען די ארבייטער, וועל־כע זיינען בערייט אַנצונעהמען די ערגסטע בעדינגונגען. דער ארביי־טער, ווידער, קאַן זיך ניט האַלטען שטייף, ווען ער זעהט פאַר זיך אַ מאַססע קאָנקורענטען. די גאַנצע סיטואַציע איז אַזעלכע, אַז זי מוז אַבשוואַכען די פערהאַנדלונגס־מעגליכקייטען פון דעם ארביי־טער.

עס איז אַ געלעכטער אונטער אַזוינע עקאָנאָמישע בעדינגונגען צו רעדען וועגען גלייכהייט און וועגען דער הייליגקייט פון דעם אינ־דיווידועלען קאָנטראַקט. עס איז די גלייכהייט פון דעם לייב און דער מויז, די גלייכהייט פון אַ בעוואָפענטען גבור און אַ וועהרלאָ־זען קאַליק. אַזאַ גלייכהייט קאַן האָבען נור איין רעזולטאַט. זי מוז פיהרען צו דער עקספּלואַטאַציע פון דעם ארבייטער און צו דער פערערגערונג פון זיין עקאָנאָמישע לאַגע.

אויב דער ארבייטער וויל ווירקליך זיין גלייך צו דעם ארבייטס־געבער, מוז ער זיך פעראייניגען מיט זיינע מיטארבייטער און אָנ־פיהרען די פערהאַנדלונגען וועגען די ארבייטס־בעדינגונגען אויף אַ געמיינשאַפטליכען אופן. דאָס קאָלעקטיווע דינגען זיך (אָדער ווי מען דריקט זיך אויס אין ענגליש — „קאָללעקטיוו באַרגייניגג“) איז

דער איינציגער מיטעל בּייצוקומען די עקאָנאָמישע שוואַכקייט פון דעם אבגעזונדערטען ארבייטער. דער קאַפּיטאַליסט איז אין א גע־ וויסער מאס „א פעראייניגונג אין זיך זעלבסט". זאָגאר ווען ער פיהרט אן דעם געשעפט מיט זיין אייגענעם קאַפּיטאַל, פעראייניגט ער אין זיין פּערזאָן געלד, עקאָנאָמישע זיכערהייט, גרעסערע בע־ קאַנטשאַפט מיט די בעדינגונגען פון דעם מארק, בעסערע פעהיג־ קייט זיך צו דינגען א. ז. וו. אָבער די מייסטע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונגען זיינען געגרינדעט אויף דער ווירקליכער פער־ איינינונג פון פיעלע קאַפּיטאַלען און שעפּפען זייער מאכט פון דיע־ זער פעראייניגונג. דער ארבייטער טהוט נור דאָס זעלבע, וואָס דער קאַפּיטאַליסט, ווען ער פעראייניגט זיך מיט אַנדערע ארבייטער. און ער האַלט אויף דעם גלייכגעוויכט פון דעם ארבייטס־מארק, ווען ער פעראייניגט זיין ארבייטס־קראַפט מיט דער ארבייטס־קראַפט פון אַלע אַנדערע ארבייטער אין דעם זעלבען טרייד און פאָדערט אויף די ארבייטס־געבער צו בעשטימען די ארבייטס־בעדינגונגען אויף אַ געמיינשאַפטליכען אופן.

די בעדייטונג פון „קאָללעקטיווו בארגיינינג" בעשטעהט אין דעם, וואָס די ארבייטער פון א בעשטימטען טרייד הערען אויף צו קאָנקורירען איינע מיט די אַנדערע און האַנדלען געמיינשאַפטליך, ווי איין מענש. ווען יעדער ארבייטער ווייס, אז קיינער וועט ניט פערכאַפּען זיין פּלאַץ, אז אַלע אַנדערע ארבייטער פון זיין טרייד פאָדערען דאָס זעלבע, וואָס ער, פיהלט ער זיך שטייפער און שטאַר־ קער. דער ארבייטס־געבער, ווידער, מוז בייטען זיין טאָן, ווען ער ווייס, אז ער האָט צו טהאָן ניט מיט אַ שוואַכען אבגעזונדערטען אַרבייטער, נור מיט די פעראייניגטע ארבייטער פון דעם טרייד, וועלכע זיינען שטאַהל און אייזען איינער פאַר די אַנדערע. דער ארבייט־געבער ווייס, אַז מיט פעראייניגטע קרעפטען האָבען די אר־ בייטער ביכולת אויסצוניצען דעם צושטאַנד פון דעם מארק און קאָנען אנפיהרען די פערהאַנדלונגען מיט דערזעלבער געשיקטקייט, ווי ער. מיט איין וואָרט, „קאָללעקטיווו בארגיינינג" שאַפט אָב אין אַ בעדייטענדער מאס די אונגלייכהייטען, פון וועלכע דער איינצעלנע אַרבייטער ליידעט.

דער פּרינציפּ פון „קאָללעקטיווו בארגיינינג" פאָדערט נויט־

וועגדיגערווייזע, אַז געמיינשאַפטליכע בעדינגונגען זאָלען בעשטימט ווערען פאַר אַלע ארבייטער פון דעם זעלבען טרייד. עס וואָלט געווען אַן אונזינן פאַר פעראייניגטע ארבייטער, וועלכע בעטראַכטען זיך אַלס אַ סאָלידאַרישע גרופּע, צו שטעלען בעזונדערע פאָדערונגען פאַר יעדען בעזונדערען אַרבייטער. פון דעם שטאַנדפּונקט פון „קאָלעקטיווע באַרגייניג" זיינען די דיפּערענצען צווישען די ארבייטער ניט גרויס און ניט שטאַרק גענוג, אַז מען זאָל זיך דאַרפען מיט זיי רעכענען. די מאָס פאַר דעם גאַנצען טרייד איז דער דורכשניטליכער ארבייטער, פאַר וועלכען מען דאַרף בעשטימען די שכירות, די שטונדען און די איבעריגע ארבייטס־שטונדען. אַלע ארבייטער פון דעם טרייד דאַרפען זיך מעסטען אויף דער זעלבער מאָס.

דאָס איז ניט קיין קאָממוניזם. דער טרייד־יוניאָניזם אַנערקענט ניט קיין אבסאָלוטע גלייכהייט און לאָזט איבער גענוג פּלאַץ פאַר פּיעלע אונגלייכהייטען. ערשטענס, זיינען די שכירות, די שטונדען און די איבעריגע בעדינגונגען פערשידען אין פערשידענע טריידס. צווייטענס, זאָגאַר אין דעם זעלבען טרייד פאָדערט דער טרייד־יוניאָניזם נור דיזעלבע שכירות פאַר דיזעלבע ארבייט און ערלויבט יעדען ארבייטער צו מאַכען וויפיעל ער קאָן אונטער געמיינשאַפטליכע בעדינגונגען. נור אין יענע טריידס, וואו די ארבייטער ארבייטען אויפ'ן טאָג אָדער ביי דער וואָך, ווערען אַלע ארבייטס־בעדינגונגען בעשטימט צו גלייך פאַר אַלעמען; אָבער זאָגאַר ווען אַ „קאָלעקטיווער באַרגיין" מאַכט פּלאַץ פאַר פערשידענאַרטיגע רעזולטאַטען, מוז ער פאָדערען געמיינשאַפטליכע בעדינגונגען פאַר אַלע ארבייטער. ער מוז געבען אַלע ארבייטער דיזעלבע מעגליכקייט אויפצוטהאָן דאָס בעסטע. דאָס איז דער עצם פון דעם קאָלעקטיווען באַרגיין. ווען מען נעהמט צו ביי דעם טרייד־יוניאָניזם דאָס רעכט צו מאַכען אַלגעמיינע בעשטימונגען („קאָממאָן רולס"), נעהמט מען ביי איהם צו זיין נשמה.

די „קאָממאָן רולס", וועלכע דער טרייד־יוניאָניזם שטרעבט איינצופיהרען, זיינען געוועהנליך ניט די העכסטע פאָדערונגען, וועלכע מען קאָן בעגרייפען. דאָס זיינען נור די בעדינגונגען, וועלכע זיינען אבסאָלוט נויטווענדיג, דער מיגימום, אונטער וועלכען קיין אַרבייטער טאָר זיך ניט אַראָבלאָזען.

עס זיינען די בעדינגונגען, וועלכע זיינען אבסאלוט נויטווענדיג צו פערזיכערען דעם ארבייטער, מיט וועלכען עס איז גראד פון מענשליכען וואהלשטאנד. אזוי ווי דער טרייד־יוניאניזם פאדערט ניט קיין אבסאלוטע גלייכהייט, רעכענט ער זיך מיט די פערשיעדענע צושטענדע און געוואהנהייטען פון פערשידענע שיכטען ארבייטער און אנערקענט פערשידענע מינימאלע פאדערונגען פאר פערשידענע טריידס. פון דעם טרייד־יוניאניסטישען שטאנדפונקט איז דאריבער גאנץ נאטירליך, אז עס זאלען עקזיסטירען צווישען די ארבייטער פערשידענע לעבענס־בעדינגונגען און לעבענס־געוואהנהייטען, ד. ה. פערשידענע „סטענדערדס אוו ליווינג".

דאך פון דעם שטאנדפונקט פון דעם טרייד־יוניאניזם איז ניט אזוי וויכטיג די טאלעראנץ פון פערשידענהייטען, ווי די אנערקענונג פון א „סטענדערד אוו ליווינג", וועלכען דער ארבייטער דארף אויפהאלטען. אין דיזער הינזיכט איז דער טרייד־יוניאניזם פונקט דער היפּך פון דעם הפקר־אינדיווידואליזם, וועלכער האט ניט קיינע מאסשטאבען און קיינע גרענעצען. די פערטהיידיגער פון דעם אינדיווידואליסטישען קאפּיטאליזם האבען נור איין אידעע: אז דער יחיד דארף זיין פאר זיך אליין פעראנטווארטליך און פריי צו טהאן ווי ער וויל אין דעם עקאנאמישען לעבען. אויב דער איינצעלנע ארבייטער פאלט דאדורך אראב אויף א נידריגערע שטופע פון וואהלשטאנד, איז ניט זייער עסק. פון זייער שטאנדפונקט דארף גאר ניט זיין אזא זאך ווי א בעשטימטער „סטענדערד אוו ליווינג". דער איינצעלנע ארבייטער דארף זיך צופּאסען צו די פאבריק־בעדינגונגען און בייטען זיינע געוואהנהייטען לויט זיין עקאנאמישען מזל. די פּראקטיק האט געוויזען, אז דיזער אינדיווידואליזם האט אימער געשעדיגט דעם ארבייטער און דער טרייד־יוניאניזם האט דאריבער פון אנפאנג אן פערטהיידיגט די אידעע פון א בעשטימטען „סטענדערד אוו ליווינג".

אבער דער טרייד־יוניאניזם שטעלט זיך ניט אב דערביי. ער געהט ווייטער און פארמולירט א פיעל ראדיקאלערען געדאנק. ער פאדערט, אז דער מינימום זאל זיין גענוג פאר אן אנשטענדיג לע־

בען. די ענגליש־שפּרעכענדע אַרבייטער דריקען דאָס אויס אויף פערשידענע אופנים אין די ווערטער „פעיר ווײדזש", „ליווינג ווײדזש", „דיסענט סטענדערד אָוו ליווינג" א. ז. וו. אַזוי ווי דער אַרבייטער האָט נור איין מקור פון חיונה, די שכירות, וועלכע ער קריגט פאַר זיין אַרבייטס־קראַפט, הייסט דאָס אַז ער איז בערעכ־טיגט צו אַזעלכע שכירות, וועלכע קענען איהם פערזיכערען מיט אַלע זאַכען, וועלכע זיינען נויטוועדיג פאַר אַן אַנשטענדיג לעבען. אויב דער פּרייז פון לעבענס־מיטלען שטייגט, מוז דער אַרבייטער קריגען העכערע שכירות, כדי ער זאָל זיין אין שטאַנד אויפצוהאַלטען זיין „סטענדערד אָוו ליווינג". ווייל דעם אַרבייטער'ס לעבענס־שטאַנד הענגט אָב ניט פון דער סומע געלד, וועלכע ער קריגט אַלס שכירות, נור פון דער צאָהל פּראָדוקטען, וועלכע ער קאָן פאַר דעם געלד קויפען. דער אַרבייטער האָט דאַריבער דאָס רעכט צו פאָדערען, אַז זיינע געלד־שכירות זאָלען פאַרשטעלען מיט זיך הויכע ווירקליכע שכירות.

אָבער הויכע שכירות אַליין קענען ניט צופרידענשטעלען דעם אַרבייטער. דער אַרבייטער איז אַ מענש מיט פיעלע און פערשיע־דענאַרטיגע בעדערפניסען. ער איז אַ פאַמיליען־מאַן און וויל האָבען גענוג צייט צו פערברייננגען מיט זיין פרוי און קינדער. ער וויל האָבען דאָס מעגליכקייט צו ערציהען זיינע קינדער אויף דעם בעסטען אופן.

ער איז אַ מענש, וועלכער לעבט אין אַ געזעלשאַפט, און ער פיהלט דאָס בעדערפניס צו זעהען זיך מיט זיינע פריינד, צו נעה־מען אַן אַנטהייל אין די געזעלשאַפטליכע בעוועגונגען פון זיין צייט, צו ערפילען זיין פליכט אַלס בירגער. ער האָט אויך קולטורעלע פאָ־דערונגען און וויל האָבען צייט צו לעזען אַ בוך, צו זעהען אַ דראַמא, צו הערען אַן אָפּערא. מיט איין וואָרט, דעם אַרבייטער'ס בעגריף וועגען אַן אַנשטענדיגען לעבען ענטהאַלט אין זיך אַזוינע פאָדערונ־גען, וועלכע קאָנען ניט בעפרידיגט ווערען אויסשליסליך דורך הויכע שכירות. כדי צו פיהרען אַזאַ לעבען, מוז ער אויך האָבען גענוג פרייע צייט, ניט זיין צופיעל אויסגעמאַטערט פון זיין אַרבייט און ניט דערלאָזען, אַז די פאַבריק זאָל אין גאַנצען דערשטיקען זיין פערזענ־ליכקייט. ער מוז דאַריבער פאָדערען ניט נור הויכע שכירות, נור אויך קורצע אַרבייטס־שטונדען, סאַניטאַרע בעדינגונגען אין דער פאַבריק, מענשליכע בעהאַנדלונג א. ז. וו. פון דעם אַרבייטערס

שטאַנדפּונקט זיינען דאָס אַלעס נויטווענדיגע בעדינגונגען פאַר אַן אַנשטענדיג לעבען.

דער ארבייטער קען אויך לאַנג ניט בלייבען שטעהען אויף דעם מעמד, אויף וועלכען ער געפינט זיך אין אַ געוויסען מאָמענט. פערקעהרט, דער וואוקס פון רייכטהימער אין דער געזעלשאַפט, די בעריהרונג פון דעם ארבייטער מיט בעסערע לעבענס־בעדינגונגען אין אַנדערע שיכטען פון דער בעפעלקערונג, די פערשפּרייטונג פון אַלגעמיינער בילדונג און עהנליכע אורזאַכען צווינגען דעם ארבייטער שטענדיג צו שטרעבען צו פערבעסערען זיין לאַגע און צו דערגרייכען אַ העכערען לעבענס־צושטאַנד. דעם ארבייטער׳ס „סטענדערד אָוו ליווינג“ איז דאריבער ניט פערגליווערט. ער בייט זיך מיט דער צייט און מיט די נייע בעדינגונגען פון לעבען. דאָס, וואָס דער ארבייטער בעטראַכט אַלס אַ גרויסען לוקסוס אין אַ געוויסען מאָמענט, קאָן ווערען אַ נויטווענדיגקייט פאַר איהם אַביסעל שפּעטער. ווי־באַלד דער ארבייטער פערבעסערט אין וועלכען עס איז פּרט זיין לאַגע, מוז ער זעהען, אַז זיין געווינסט זאָל פון איהם ניט אוועקגערויבט ווערען. ווייל יעדע פערבעסערונג ווערט באַלד אַ טהייל פון דעם נייעם „סטענדערד אָוו ליווינג“, וועלכען דער ארבייטער דאַרף אויפהאַלטען מיט אַלע זיינע כחות.

אָבער דיזע אַלע אידעען, טענה׳ט מען, זיינען אַ פערלעצונג פון פּערזענליכער פרייהייט. זאָל זיין, אַז דער איינצעלנע ארבייטער איז שוואַכער פון דעם קאַפּיטאַליסט, אָבער דאָס איז זיין געשעפט. עס איז קיינעם׳ס ניט דאגה, אויב ער וויל ארבייטען פאַר קליינע שכירות, אָדער לאַנגע שטונדען, אָדער אין שלעכטע בעדינגונגען. ווען דער טרייד־יוניאָניזם פיהרט איין געמיינשאַפטליכע פאָרשריפטען, שטערט ער דעם ארבייטער׳ס פרייהייט. ווען מען שטרעבט אויפצוהאַלטען אַ בעשטימטען „סטענדערד אָוו ליווינג“, מישט מען זיך אין דעם פּריוואַט לעבען פון דעם ארבייטער. ווען מען לאָזט ניט דעם איינצעלנעם ארבייטער זיך דינגען מיט זיין בעל־הבית, רויבט מען ביי איהם אַוועק די פרייהייט פון קאָנטראַקט.

דיזע בעשולדיגונג געגען דעם טרייד־יוניאָניזם איז אַזוי אַלט, ווי דאָס פאַבריק־סיסטעם. די, וועלכע בעפאַלען דעם טרייד־יוניאָניזם מיט אַזוינע טענות, זעהען ניט, אַז זיי ווילען אויפברעכען אַן

אָפּענע טהיר. דער טרייד־יוניאָניזם גיט צו, אַז זיינע פאָדערונגען זייגען געגען דעם אינדיווידואַליסטישען בעגריף פון פרייהייט. אָבער דאָס איז ניט א שוואכקייט, נור, פערקעהרט, פון דעם טרייד־יוניאָניסטישען שטאַנדפּונקט איז דער אינדיווידואַליסטישער בע־גריף וועגען פרייהייט א ליגען און אַבנאַרעריי. די אמת'ע אידעע פון פרייהייט האָט אַ סאָציאַלען כאַראַקטער און רעכטפערטיגט דעם טרייד־יוניאָניזם אויף דעם שטאַרקסטען אופן.

ווען דער געגנער פון טרייד־יוניאָניזם טרעט ארויס אַלס פער־טהיידיגער פון פרייהייט, מיינט ער דאָביי די פרייהייט פון דעם יחיד צו האַנדלען עקאָנאָמיש, ווי ער וויל. ער רעכענט זיך ניט מיט קיינע אינדוסטריעלע, עקאָנאָמישע אָדער סאָציאַלע בעדינגונגען, וועלכע בעשטימען די פעהיגקייטען און מעגליכקייטען פון דעם אר־בייטער. ער דענקט וועגען אן אבסאָלוטער פרייהייט, וועלכע איז אונאָבהענגיג פון צייט און רוים. ער בעטראַכט די פרייהייט, אַלס אַן אייגענשאַפט, מיט וועלכער דער ארבייטער ווערט געבוירען, אַלס אַ רעכט, וועלכעס איז איהם געגעבען געוואָרען פון דער נאַטור. עס אַרט איהם ניט, צו דער ארבייטער קאַן מיט דעם רעכט עפּעס אויפ־טהאָן פאַר זיך. ער וויל ניט פערשטעהען, אַז עס קאָנען זיין אומ־שטענדען, וועלכע מאַכען אַ רעכט צו גאַרנישט, און אַז אַ רעכט, וואָס האָט נור שלעכטע פאָלגען, איז אייגענטליך אַן אונרעכט.

דער טרייד־יוניאָניזם בעהויפּטעט, אַז דאָס איז דער פאַל מיט דעם רעכט אויף פרייהייט, וועלכעס ווערט אויסגעטייטשט אין אַן אינדיווידואַליסטישען זינן. דער אַנאַליז פון דעם ארבייטער'ס לאַ־גע אויף דעם ארבייטס־מאַרק האָט דאָס קלאָהר געמאַכט. אָבער מען קאָן די זאַך מעהר בולט מאַכען מיט אייניגע ביישפּילען. דער אר־בייטער, צ. ב. איז פריי צו זוכען ארבייט, וואו ער וויל, אָבער ווען ער האָט ניט קיין געלד אויף אַן אייזענבאַהן־טיקעט, העלפט איהם זיין פרייהייט גאָר ווייניג. ער מעג וויסען, אַז עס איז דאָ ארבייט אין קאַליפאָרניא אָדער אין טעקסעס, און דאָך מוז ער בלייבען אין ניו יאָרק. דער ארבייטער האָט אויך דאָס רעכט אויסצוקלייבען זיין בעשעפטיגונג. די קאָנסטיטוציאָן גאַראַנטירט איהם דאָס רעכט. אָבער אויב דער אייגפאַכער ארבייטער וויל בייטען זיין ארבייט און ווערען אַן אינזשעניר, דאַרף ער האָבען די מעגליכקייט צו געהען אין

קאָלעדזש, ער דאַרף זיין עקאָנאָמיש פערזיכערט אויף עטליכע יאָהר. אנדערש קאָן ער ניט אויסנוצען זיין רעכט. דער ארבייטער איז אויך פריי צו ארבייטען ביי וועמען ער וויל. אבער אויב אַ קאַפּיטאַליסט וויל איהם ניט ארויפנעהמען צו דער ארבייט, העלפען איהם ניט קיינע רעכטען. דעם ארבייטער׳ס פרייהייט ווערט דאָן צו גאָרניט דורך דער פרייהייט פון דעם ארבייטס־געבער. דאָס זעלבע איז אויך מיט די בעדינגונגען פון דער ארבייט. דער ארבייטער איז פריי צו פאָדערען צעהן דאָלאַר אַ טאָג פאַר פיער שטונדען ארבייט. אבער אויב דער ארבייטס־געבער וויל מעהר ניט געבען, ווי צוויי דאָלאַר פאַר צוועלף שטונדען ארבייט, האָט דער ארבייטער א ברירה. ער איז פריי צו זיצען אין דער היים און אויסצוגעהען פון הונגער.

נאָך מעהר, די ערפאַהרונג פון די לעצטע הונדערט יאָהר האָט בעוויזען, אַז אזא פרייהייט איז די פרייהייט פון דעם שוואַכסטען און ערגסטען ארבייטער צו בעשטימען די בעדינגונגען פאַר די שטאַרקערע און בעסערע אַרבייטער. דאָס קלינגט פיעלייכט פאַראדאקסיש, אַבער עס איז ריכטיג. דער שוואכער ארבייטער איז דער, וועלכער נויטיגט זיך מעהר, וועלכער געהט שוין לאַנג ארום כאַפּט זיך אַן פאַר דעם ערשטען פּלאַץ און איז בערייט אַנצונעהמען לוידיג, איז פיעלייכט ניט אַזוי שנעל א. ז. וו., אזא ארבייטער די ערגסטע בעדינגונגען. אבער וואָס קאָן דאָן דער בעסערער ארבייטער טהאָן? ווען עס דראָהט איהם די געפאַהר צו פערלירען זיין פּלאַץ, אָדער צו בלייבען אָהן ארבייט, מוז ער אויך איינשטימען אויף ערגערע בעדינגונגען. די פרייהייט פון דעם שוואכען ארבייטער צערשטערט די מאַכט און פעהיגקייטען פון דעם שטאַרקערען. עס איז ניט ווי די אינדיווידואַליסטען זאָגען, אַז פרייע קאָנקורענץ ענטוויקעלט שטאַרקע, פיינע כאַראַקטערע, נור פערקעהרט. זי גראָבט אונטער די יסודות פון דעם מענשליכען כאַראַקטער. וואָס ווערט אונטער אַזוינע אומשטענדען פון דעם פרייהייט פון דעם בעסערען ארבייטער צו ענטוויקלען זיינע פעהיגקייטען און צו בויען זיין צוקונפט לויט זיין אייגענעם ווילען?

א בעגריף, וועלכער פיהרט צו אַזוינע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע ווידערשפּרוכען, איז אין גרונד פאַלש. דער טרייד־יוניאָניזם פערוואַרפט דאַריבער די אינדיווידואַליסטישע פאָרשטעלונג פון פרייהייט און בעציהט זיך אויף דער אידעע פון פרייהייט, וועלכע

קאָן בעצייכענט ווערען אלס סאָציאַלע פרייהייט. דיעזע פּאָזיטיווע אידעע אונטערשיידעט זיך פון דעם נעגאטיווען אינדיווידואַליזם דערמיט, וואָס זי בעטראַכט די מעגליכקייטען און פעהיגקייטען פון דעם יחיד צו טהאָן געוויסע זאכען און וויל שאַפען בעדינגונגען, וועלכע זאָלען דיזע מעגליכקייטען און פעהיגקייטען פערגרעסערען. דער ארבייטער ווערט פרייער, ווען ער ווערט שטארקער. ווען דער טרייד־יוניאָניזם שאַפט געלד פאר ארבייטער, וועלכע ווילען זוכען ארבייט אין אנדערע שטעדט, גיט ער דעם ארבייטער ווירקליכע פרייהייט פון בעוועגונג. ווען דער ארבייטער איז גאראנטירט געגען הונגער־קאָנקורענץ, איז ער ווירקליך פריי צו פּאָדערען גוטע בעדינגונגען. ווען אַלע שעפער זיינען קאָנטראָלירט פון אַ יוניאָן, דאן איז דער ארבייטער ביז אַ געוויסען גראד פריי צו ארבייטען, וואו ער וויל. עס איז ניט קיין אבסאָלוטע פרייהייט. דער טרייד־יוניאָניזם אנערקענט ניט קיין אבסאָלוטע פרייהייט. דער טרייד־יוניאָניזם אנערקענט ניט קיין אבסאָלוטע גלייכהייט און ניט קיין אבסאלוטע פרייהייט. אָבער ער בעהויפּטעט, אַז דורך פעראייניגונג און געמיינשאַפטליכע האנדלונג בעקומען די ארבייטער דאָס ביסעלע רעאַלע פרייהייט, וועלכע זיי קאָנען יעצט עררייכען.

עס ווערט אָפט בעהויפּטעט, אַז אבוואָהל די ארבייטער האָבען אַ רעכט צו פעראייניגען זיך און צו פּאָדערען העכערע שכירות און זאָגאר קירצערע שטונדען, האָבען זיי דאָך קיין רעכט ניט צו שטעלען פּאָדערונגען, וועלכע זיינען נוגע די אַלגעמיינע בעדינגונגען פון דער ארבייט. די פאבריק, טענה'ט מען, איז דאָס פּריוואט־אייגענטהום פון דעם קאַפּיטאַליסט. אלס אייגענטהימער, האָט ער דאָס רעכט צו זאָגען, ווער עס זאָל פאר איהם ארבייטען, אָדער ניין, ווי זיין פאבריק זאָל זיין איינגעאָרדענט, וועלכע סאניטאָרע בעדינגונגען זאָלען איינגעפיהרט ווערען א. ז. וו.. עס איז א חוצפּה פון די ארבייטער זיך צו מישען אין דיזע „אינערליכע אנגעלעגענהייטען“, אַ פערלעצונג פון דעם אייגענטהום'ס רעכט, און א שטערונג פון דעם ארבייטס־געבער'ס פרייהייט.

די אָרגאַניזירטע ארבייטער קאָנען מיט דיזע טענות ניט איינשטימען. זיי פיהלען, אז זייער ארבייט איז אַ גרויסע טהייל פון זייער לעבען, איבער וועלכען זיי האָבען דאָס רעכט צו זאָגען א דעה. זיי פערברייגנען אין דער פאבריק דעם גאנצען טאָג, זייער פיזישער

און מאראלישער צושטאנד הענגט אב אז די בעדינגונגען, אין וועלכע זיי ארבייטען. ווען זיי ענטזאגען זיך צו האבען אין דיעזע אנגע־לעגענהייטען וועלכע עס איז קאנטראלע, שטעלען זיי זייער גאנצע „סטענדערד אוו ליווינג" אין געפאהר. און אויב די אידעע פון איי־גענטהום פיהרט צו עקאנאמישע רעזולטאטען, וועלכע זיינען פאר זיי שעדליך, דאן איז דאס'א סימן, אז די אויסטייטשונג פון דיזער אידעע איז ניט ריכטיג.

דאס מיינט ניט, אז דער טרייד־יוניאניזם לייקענט אב פּריי־וואט־אייגענטהום. גאנץ פערקעהרט. אבער אין געגענזאץ צו די רעכ־טע פון קאפּיטאל שטרייכט ער אונטער די רעכטע פון ארבייט. דער קאפּיטאליסט, וועלכער בעטראכט זיין פאבריק אלס זיין גע־שעפט, אין וועלכען קיינער טאר זיך ניט מישען, פערגעסט, אז די פאבריק האט קיין ווערדע ניט אהן דער מיטווירקונג פון די אר־בייטער. די רעדער וועלען זיך ניט דרעהען, די מאשינען קאנען זיך ניט בעוועגען און קיין זאך קאן ניט פּראדוצירט ווערען, אויב די אר־בייטער לעגען ניט צו זייערע הענד. ניט אכטענדיג אויף די ענטוויק־לונג פון מאשינען האט ניט אבגעשוואכט אין גאנצען די בעדייטונג פון דער מענשליכער ארבייט אין דער מאדערנער אינדוסטריע. דער ארבייטער פיהלט דאריבער, אז ער איז ניט קיין קלענערער מיוחס, ווי דער קאפּיטאליסט. אזוי ווי קיין אונטערנעהמונג קאן יעצט ניט אנגעפיהרט ווערען אהן קאפּיטאל, אזוי קאן זי אויך ניט אנגעהען אהן ארבייט. ארבייט און קאפּיטאל זיינען צוויי גלייכע מיטגליעדער פון דער אינדוסטריע.

אבער ווען מען בעטראכט ארבייט און קאפּיטאל פון דיזען שטאנדפּונקט, מוז מען נויטווענדיגערווייזע האבען אן אנדער בע־גריעף וועגען זייערע געגענזייטיגע בעציהונגען. דער קאפּיטאליסט, וועלכער בעטראכט זיין קאפּיטאל אלס דעם איינציג־וויכטיגען עלע־מענט פון דער אינדוסטריע, איז, נויטווענדיגערווייזע, געניינט צו זיין אן אויטאקראט, אן אינדוסטריעלער קייזער. ער בעטראכט די ארבייטער אלס אונטערטהאנען, אלס „סאבדזשעקטס", וועלכע דאר־פען זיין געהארכזאם צו די געזעצען פון קאפּיטאל. ער בעטראכט זיך זעלבסט אלס דעם פארשטעהער פון דעם „קעניג־קאפּיטאל" און פאר־דערט דאס רעכט צו טהאן אלעס, ווי ער וויל. אבער ווען מען הערט

אויף צו קוקען אויף קאפיטאל, ווי אויף דעם איינציג־וויכטיגען אינ־דוסטריעלען עלעמענט, הערט ער אויף צו זיין א זעלבסטהערשער. אלס א גלייכער מיטגליעד פון אינדוסטריעלען לעבען האט ער ניט מעהר רעכט, ווי דער אנדערער מיטגליעד — ארבייט. די בעציהונגען צווישען די צוויי קאנען נור זיין בעגרינדעט אויף דער אנערקענונג פון זייערע גענענזייטיגע רעכטען. דער טרייד־יוניאניזם, וועלכער פערטרעט דיעזען שטאנדפונקט, קאן דאריבער בשום אופן ניט איינ־שטימען מיט די, וועלכע ווילען אויפהאלטען אין דער פאבריק די זעלבסטהערשאפט, וועלכע איז שוין לאנג אבגעשאפט אין דעם פאָ־ליטישען לעבען. דער טרייד־יוניאניזם בעהויפטעט, דאריבער, אז די ארבייטער זיינען בערעכטיגט צו נעהמען אן אנטהייל אין אלע בעשטימונגען פון די ארבייטס־בעדינגונגען. ער פאדערט די אנווענ־דונג פון דעם דעמאקראטישען פרינציפ אין אינדוסטריעלען לעבען. דאס איז דער גרונד, וואָרים דער טרייד־יוניאניזם ווערט בעטראכט אלס די פערקערפערונג פון „אינדוסטריעלער דעמאקראטיע“.

וואס מעהר עס ענטוויקעלט זיך די טרייד־יוניאניסטישע בע־וועגונג, אלץ שטארקער ווערט די שטרעבונג צו בעטאנען די וויכ־טיגקייט פון דעם ארבייטער אין דעם עקאנאמישען לעבען. דער טרייד־יוניאניזם בענוגענט זיך ניט מיט דער פשוט'ער ערקלעהרונג, אז קאפיטאל און ארבייט זיינען גלייכבערעכטיגט, נור פאדערט אלץ מעהר און מעהר, אז די ארבייט זאל פערנעהמען דעם בכבודיגסטען פלאץ אין אלע עקאנאמישע בעציהונגען. ניט אכטענדיג אויף די טעכנישע בעדינגונגען, וועלכע פערמינדערן די בעדייטונג פון דער ארבייט, שטרייכט דער טרייד־יוניאניזם אונטער די אלגעמיין־מענש־ליכע זייט פון דעם ארבייטער'ס לאגע. ער בעטאנט דעם פאקט, אז די ארבייטס־קראפט קאן ניט אבגעטהיילט ווערען פון דעם ארביי־טער, אז זי איז א טהייל פון זיין פערזענליכקייט. אלעס, וואס בע־לאנגט צו די בעדינגונגען פון ארבייט, איז נוגע ניט קיין טויטע זאך, נור א לעבעדיגע, פיהלענדע און שטרעבענדע מענשליכע נשמה. ווער עס בעטראכט די ארבייטס־קראפט נור אין בעצוג צו דער פראָ־דוקציאן, אלס א סחורה, וועלכע דער קאפיטאליסט מוז קויפען כדי אנצופיהרען זיין געשעפט, מוז נויטווענדיגערווייזע זיין גלייכגילטיג צו אלע פאדערונגען פון פערזענליכער ענטוויקלונג. דער טרייד־יו־ניאניזם, אבער, פראטעסטירט געגען אזא שטעלונג. ער פאדערט, אז די מענשליכע ארבייט זאל בעטראכט ווערען אין צוזאמענהאנג

מיט דעם ארבייטער, אַלס אַן אקטיווער אויסדרוק פון אַ שאַפענדער פערזאָן. פון דיזען שטאַנדפונקט איז יעדע פערבעסערונג פון דעם ארבייטער׳ס לאגע אַ זיעג פון דער מענשליכער פערזענליכקייט איבער דער טויטער מאטעריע און איז אין איינקלאנג מיט די טיעפסטע פאָדערונגען פון דעם מענשליכען פראָגרעס.

ווען מען בעטראכט די אַלע אידעען פון דעם טרייד־יוניאָניזם אין זייער צוזאַמענהאנג, האָט מען פאר זיך אַ סיסטעם פון עקאָנאָמישע פרינציפען, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ טיעפען גייסט פון סאָציאַלען אָפטימיזם. דער טרייד־יוניאָניזם גלויבט אין דער מעגליכקייט צו פערבעסערען דעם ארבייטער׳ס לאגע אין אַלע פרטים. אין דיזער הינזיכט האָט דער טרייד־יוניאָניזם געהאט אויסצושטעהען זעהר אַ שווערען מאַטעריעלען און גייסטיגען קאַמפף. זינט דעם אָנפאנג פון דעם מאָדערנעם פאבריק־סיסטעם האָבען ניט אויפגעהערט צו ערשיינען טהעאָריען, וועלכע האָבען געזאָלט בעווייזען די גאנצע נוצלאָזיגקייט פון דעם טרייד־יוניאָניזם. אַ שטיק צייט האָבען די עקאָנאָמיסטען אויסגעארבייט די זאָגענאַנטע „וויידזש־פאָנד“ טהעאָריע. אָבער געגען דיזער און אַנדערע טהעאָריען האָט דער טרייד־יוניאָניזם אימער בעהויפטעט זיין טיעפע איבערצייגונג, אַז די אַרבייטער קאָנען יאָ פערבעסערען זייערע לאַגע, אויב זיי וועלען האנדלען צוזאַמען. און אין געגענזאַץ צו יעדען פעסימיזם, איז דער טרייד־יוניאָניזם אימער פעסט געשטאַנען אויף דעם זיינִיגען, אַז די פערבעסערונג פון דעם ארבייטער׳ס לאגע האָט אייגענטליך קיין גרענעץ ניט. אַז דער ארבייטער דארף זיך קיין מאָל ניט פיהלען אין גאנצען צופרידען מיט זיין עקאָנאָמישער לאגע און דארף אימער שטרעבען צו אַ גרעסערען חלק פון דער געזעלשאַפטליכער איינקונפט און צו אַ גרעסערען איינפלוס אין אינדוסטריעלען לעבען. יעדע פערבעסערונג דארף בעטראכט ווערען אַלס אַ שריט פאָרווערטס, נאָך וועלכען עס מוז פאָלגען דער צווייטער שריט א. ז. וו., אונענדליך. אין דיעזען גלויבען און שטרעבען האָט זיך אויסגעדריקט דער דינאַמישער און פאָרטשריטליכער כאראקטער פון דעם טרייד־יוניאָניזם.

דריטער קאפיטעל

די מעטאדען פון דעם טרייד־יוניאניזם.

די מעטאדען פון דעם טרייד־יוניאניזם; די נויטווענדיגקייט פון דויערהאפטער ארגאניזאציאן; דער טרייד אלס ארגאניזאציאנס־באזע; דער סטרייק און סטרייק־פאנדס; פיקעטען; דער לייבעל און דער באיקאט; דער קאלעקטיווער אגרימענט; מידיאיישאן, קאנסיליאיישאן און ארביטריישאן; סאלידאריטעט און שטארקע יוניאנס. — דער פונדאמענט פון דעם ארבייטערס עקאנאמישען ערפאלג.

דער ציעל פון דעם טרייד־יוניאניזם צו פערבעסערן די לאגע פון דעם ארבייטער. אבער שכירות, ארבייטס־שטונדען און אנדערע ארבייטס־בעדינגונגען זיינען אבהענגיג פון דעם ארבייטערס פעהיגקייט צו דינגען זיך מיט דעם ארבייטס־געבער. די הויפט אויפגאבע פון דעם טרייד־יוניאניזם איז דעריבער צו געפינען מיטלען, וועלכע זאלען געבען די ארבייטער די מעגליכקייט צו דינגען זיך מיט זייערע ארבייטס־געבער אויף א געמיינשאפטליכען אופן אונטער די גינסטיגסטע אומשטענדען.

די ערשטע פאדערונג פון דעם טרייד־יוניאניזם איז, אז די ארבייטער זאלען בילדען א דויערהאפטע עקאנאמישע ארגאניזאציאן. עס איז אמת, אז ווען די ארבייטער פיהרען אן זייערע פערהאנדלונגען מיט די ארבייטסגעבער אויף א געמיינשאפטליכען אופן, דארפען זיי זיך ניט דינגען אלע מאנטאג און דאנערשטאג. יעדער אגרימענט בעשטימט די ארבייטס־בעדינגונגען אויף א לענגערע צייט. מען וואלט דעריבער געקענט דענקען אז די ארבייטער דארפען זיך פעראייניגען נור אויף בעשטימטע מאמענטען, ווען זיי ווילען ארויסשטעלען געוויסע פאדערונגען. לויט דיזער פארשטעלונג, וואלטען די ארבייטער געדארפט בילדען צייטווייליגע ארגאניזאציאנען, וועלכע וואלטען זיך צופאלען נאכדעם ווי זיי האבען דערגרייכט זייער מאמענטאנעם צוועק. אין דער נאדעל אינדוסטריע איז דאס אמאל אזוי געוועזן, יעדען סיזאן פלעגט מען זיך ארגאניזירען, ארויסשטעלען געוויסע פאדערונגען, סטרייקען, און דאן פערלאזען די ארגאניזאציאן. אין דער ערשטער פעריאדע פון דער טרייד־יוניאניסטי־

שער בעוועגונג, זיינען אזוינע צייטווייליגע ארגאַניזאציאָנען אָפּט ערשינען אין פערשידענע אינדוסטריען.

אָבער די ערפאהרונג האָט בעוויזען אז צייטווייליגע פעראיי־ניגונגען קענען ניט דערגרייכען דעם געווינשטען רעזולטאַט. כדי די ארבייטער זאָלען זיין אין שטאַנד צו פאָרמולירען ריכטיג זייערע פאָ־דערונגען, מוזען זיי זיך אָפּט בעראַטהען. זיי מוזען זיך צוזאַמענקו־מען פון צייט צו צייט און זיך דורכרעדען וועגען זייערע עקאָנאָמישע אנגעלעגענהייטען; זיי דאַרפען ענטוויקלען אין זיך דעם געפיהל, אַז זיי זיינען אָבהענגיג איינע פון די אַנדערע און אַז זייערע אינטערע־סען זיינען געמיינשאַפטליכע. זיי מוזען זיך פאַרבערייטען פאר די פערהאַנדלונגען מיט די אַרבייטס־געבער אזוי, דאָס זיי זאָלען זיין אין שטאַנד צו מאכען זייערע פאָדערונגען מיט קראפט און איבערציי־גונג. זאגאר ווען זיי מאכען שוין אַ קאָללעקטיווען אַגרימענט מיט דעם ארבייטס־געבער, מוזען זיי אימער זיין פאָרבערייטעט צו פער־האנדלען מיט די ארבייטסגעבער וועגען דעם אָדער יענעם פונקט אין צו פערטהיידיגען דעם אבמאַך אין אַלגעמיין. צוליעב דיעזע אור־זאכען איז עס אונבעדינגט נויטיג, אז די פעראייניגונגען פון די אר־בייטער זאָלען האָבען א שטענדיגען כאראקטער.

ארבייטער קאָנען זיך פעראייניגען אויף פערשידענע אופנים. עס איז מעגליך צו פעראייניגען אַלע ארבייטער, וועלכע וואָהנען אין דער זעלבער נאַכבאַרשאפט אָדער אין דער זעלבער פּאָליטישער אב־טהיילונג, צום ביישפּיעל, אַן אסעמבלי דיסטריקט. עס איז מעגליך צו פעראייניגען אין איין ארגאניזאציאָן אלע ארבייטער פון א שאפּ, ניט אכטענדיג אויף די ארבייט, וועלכע זיי טהוען ,א. ז. וו. דער טרייד־יוניאָניזם פערווארפט אלע פארמען פון אָרגאַניזאציאָנען, חוץ איינער. ער פאָדערט, אז די ארבייטער זאָלען זיך פעראייניגען לויט דעם פאַך, ביי וועלכען זיי ארבייטען. לויט דיעזען פּלאַן דארפען די אַרבייטער זיך צערפאַלען אויף בעזונדערע אָרגאַניזאַציאָנען פון פרע־סערס, קאַטערס, פינישערס, אפּרייטארס, מאשיניסטען, שריפטזע־צער, בוקביינדערס א. ז. וו., א. ז. וו. די ארבייטער פון יעדען פאַך דאַרפען זיין אין איין יוניאָן. דאָס איז דער פונקט, וועלכער אונטער־שיידעט דעם טרייד־יוניאָניזם פון אַלע אנדערע ארבייטער־אָרגאַני־זאַציאָנען.

פון דעם טרייד־יוניאָניסטישען שטאַנדפּונקט איז די טרייד־יו־

ניאָן די נאַטירליכסטע פאָרם פון ארבייטער־פעראייניגונג. די אר־בייטער, וועלכע זיינען בעשעפטיגט ביי דעם זעלבען סאָרט ארבייט, זיינען די ערשטע צו דערפיהלען, אז זיי האָבען געמיינשאַפטליכע אינטערעסען. עס איז פיעל לייכטער פאר זיי זיך צוזאַמענצוריי־דען וועגען זייערע טרייד־אנגעלעגענהייטען. און אזוי ווי זיי זיי־נען אימער פעראינטערעסירט אין דיזעלבע עקאָנאָמישע ערשיינונ־גען, קאָנען זיי אויך לענגער אנהאַלטען זייער פעראייניגונג.

אָבער וויכטיגער ווי דיזע אַלע בעטראַכטונגען איז דער פאַקט, דאָס די טרייד־יוניאָן גיט די ארבייטער די מעגליכקייט צו קאָנטראָ־לירען דעם אנגעבאט פון אַ בעשטימטען סאָרט ארבייטס־קראַפט. ווען אַלע ארבייטער וואָלטען געבראַכט אויף דעם מארק נור אן אַל־געמיינע ארבייטס־קראַפט, וועלכע וואָלט געווען דיזעלבע אין אַלע הינזיכטען, דאַן וואָלטען אַלע ארבייטער קאָנקורירט איינע מיט די אַנדערע, און עס וואָלט געווען נויטיג צו פעראייניגען אַלע ארבייטער אין איין אָרגאַניזאציאָן, כדי אבצושאַפען די קאָנקורענץ צווישען זיי. אין דער אמת'ן אבער איז דאָס ניט אזוי. דעם ארבייטער'ס אר־בייטס־קראַפט איז צוגעפּאַסט צו אַ בעשטימטען סאָרט ארבייט. הגם די מאַשין האָט צערשטערט די אַלטע פאָרמען פון מלאכה, האָט זיך דאָך געשאַפען אַ באַדען פאר אַ נייער פאָרמע פון געשיקטקייט, וועל־כע קאָן דערגרייכט ווערען אין אַ קורצע צייט, וועלכע מאַכט אבער אַן אונטערשיעד צווישען איין ארבייטער און אַ צווייטען. ווען דער ארבייטס־געבער פאַדערט העלפער, פאַדערט ער אַזעלכע, וועלכע האָבען זיך צוגעוואָהנט צו אַ בעשטימטען מאַשין־פּראָצעס. ווען דער אר־בייטס־געבער דאַרף פּרעסער, קאָן ער ניט אנשטעלען פינישערס אויף זייער פּלאַץ. ווען ער פאָדערט זעצערס און קאָן זיי ניט קריי־גען, קאָן ער ניט אַרויפנעהמען קיין פּרעסלייטע, א. ז. וו. אין יע־דען פאַל נויטיגט זיך דער ארבייטס־געבער אין אַ בעשטימטען סאָרט ארבייטער, און די קאָנקורענץ, וועלכע זיין פאָדערונג רופט אַרויס, קומט פאר צווישען די ארבייטער פון דיעזען מין. די טרייד־יוניאָן שאַפט אָפּ דיזע קאָנקורענץ דורך דעם, וואָס זי פעראייניגט אַלע אָדער די מייסטע ארבייטער, וועלכע קאָנען צושטעלען דעם זעלבען סאָרט ארבייטס־קראַפט.

ווען די טרייד־יוניאָן וואַקסט, אז אַלע אָדער דער גרעסטער טהייל ארבייטער פון דעם זעלבען טרייד זיינען פעראייניגט און זיינען בערייט צו האנדלען צוזאַמען, איז זי אין שטאַנד אנצופאַנגען פער־האַנדלונגען מיט די ארבייטס־געבער. די פאָדערונגען, וועלכע די

יוניאָן שטעלט ארויס, זיינען אָבהענגיג פון אַלערליי בעדינגונגען, וועלכע בייטען זיך פון צייט צו צייט. אָבער ווען די יוניאָן, ד. ה. די מיטגליעדער פון דער אָרגאַניזאציאָן, אין געמיינשאַפטליכער בע־ראטהונג, בעשליסט צו שטעלען געוויסע פאָדערונגען, קאָן זי אַנ־געהען נור אויף איין וועג. זי ערוועהלט פאָרשטעהער, וועמענס אויפ־גאבע עס איז צו ברענגען די יוניאָן פאָדערונגען פאר די ארבייטס־געבער. אויב די ארבייטס־געבער זיינען געשטימט צו פערהאַנדלען מיט דער יוניאָן און ווילען דאָך ניט נאָכגעבען אלע פאָדערונגען, בלייבט פאר זיי נור צו דינגען זיך מיט די פאָרשטעהער פון דער יו־ניאָן, ביז ביידע צדדים קומען צו אַ פשרה. אזא פאל שטעלט מיט זיך פאר דעם איינפאכסטען פאל פון „קאָללעקטיוו בארגיינינג“.

עס איז אָבער מעגליך, אז סיי די יוניאָן, סיי די ארבייטס־גע־בער זאָלען ניט וועלען מאכען קיינע וויכטיגע הנחות. זעהר אָפט אויך ווילען די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמער אפילו ניט הערען וועגען וועלכע עס איז פערהאַנדלונגען מיט די פאָרשטעהער פון דער יוניאָן. אין אַזוינע פעלע האָבען די ארבייטער נור איין ברירה. אויב זיי זיינען איבערציינגט, אז זייערע פאָדערונגען זיינען גערעכ־טע און אַז עס איז מעגליך צו בעקומען דאָס, וואָס זיי פאָדערען. האָבען זיי בכח אוועקצולעגען די ארבייט אלע צוזאמען, ד. ה. ארויס־געהן אין סטרייק.

דער סטרייק איז אייגענטליך נור די נעגאַטיווע פארם פון „קאָללעקטיוו בארגיינינג“. ווען ארבייטער געהען אַרויס אין סטרייק, ציינען זיי בעשיינפערליך דעם ארבייטס־געבער, אז זיי ווילען ניט ארבייטען פאר איהם, סיידען ער וועט ניט נאָכגעבען זייערע פא־דערונגען. דער עצם פון דעם סטרייק איז אין דער קאָללעקטיווער האנדלונג פון די ארבייטער. ווען אַן איינצעלנער ארבייטער איז אונצופריעדען מיט זיין שאפּ און ענטזאגט זיך צו ארבייטען, איז דאָס ניט אַ סטרייק. נור ווען די ארבייטער זיינען פעראייניגט און פערלאָזען די ארבייט צוזאמען, אויפ'ן גרונד פון אַ געמיינשאַפט־ליכען בעשלוס און צוליעב געמיינשאַפטליכע אינטערעסען, ד. ה. נור ווען זיי האנדלען אין אַנקלאנג מיט די פּרינציפּען פון „קאָללעקטיוו בארגיינינג“, טראָגט זייער אקט דעם כאראקטער פון אַ סטרייק.

די קראפט פון דעם סטרייק ליעגט אין דער סאָלידארישער האנדלונג פון די ארבייטער. ווען די ארבייטער פון אַ בעשטימטען טרייד ענטזאגען זיך צו ארבייטען אונטער געוויסע בעדינגונגען, האָט

דער ארבייטס־געבער צוויי ברירות. אָדער ער קאן פערמאכען די פאבריק אָדער ער קאן פרובירען קריגען אנדערע ארבייטער אויף דעם פּלאַץ פון די סטרייקער.

אין ערשטען פאל, הייסט עס, אז דער ארבייטסגעבער איז בעריים צו פערלירען צייט און געלד, איידער נאָכגעבען די פאָדערונגען פון ארבייטער. אמאָל טהוט ער דאָס אויס עקשנות. אלס קאַפּיטאַליסט־אונטערנעהמער וויל ער ניט ליידען, אז די ארבייטער זאָלען זיך מישען אין „זיין" געשעפט; אָפטמאָל אבער דענקט דער קאַפּיטאַליסט ווירקליך, אז ער איז ניט אין שטאַנד צו מאכען הנחות צו זיינע ארבייטער און אז עס לוינט זיך איהם בעסער אבוואַרטען, ביז די סטרייקער וועלען ווייכער ווערען. ווי די זאך זאָל ניט זיין, פיהלט דער קאַפּיטאַליסט, אז איהם איז לייכטער צו וואַרטען, און אז אויב ער וועט די זאך פערציהען אויף א לענגערע צייט, וועט ער ארויס דער זיעגער.

די טאַקטיק פון דעם סטרייק פאָדערט דאריבער, אז די ארבייטער זאָלען אויסקלייבען א גינסטיגע צייט פאר זייער האנדלונג, ד. ה. אזא צייט, ווען דער ארבייטס־געבער קען זיך ניט ערלויבען צו פערמאכען זיין פאבריק. אין דער צייט פון דעם סיזאָן, אדער ווען עס זיינען אָנגעקומען גרויסע אָרדערס, אָדער ווען די ארבייט מוז געענדיגט ווערען אויף א בעשטיממטער צייט און אין עהנליכע אומשטענדען מוז דער ארבייטס־געבער זיין ווייכער און זיך צוהערען מיט דרך ארץ צו די פאָדערונגען פון די ארבייטער. אין אזוינע מאָמענטען האָט יעדער סטרייק מעהר אויסזיכטען אויף ערפאָלג, און עס איז איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאבען פון דער יוניאָן צו וויסען גענוי, צו די אומשטענדען זיינען גינסטיג פאר א סטרייק צו ניט.

געוויס, קיין בשר ודם קען ניט אויסרעכענען אלעס פאראויס. עס זיינען פאראן מאָמענטען, ווען די אויסזיכטען זיינען ניט זעהר גלענצענד און ווען א סטרייק קאן דאך געוואונען ווערען. עס העננט אָב אין א גרויסער מאס פון דעם פסיכאָלאָגישען צושטאַנד פון די ארבייטער. אויב זיי זיינען שטארק אויפגערעגט נעגען געוויסע צושטענדען און זיינע זבערייט אנצופיהרען א העפטיגען קאמפף, קאנען זיי אמאָל געווינען, ניט אכטענדיג אויף אלע שוועריגקייטען. א גרויסע ראָלע שפּילט אויך אמאָל די עפענטליכע מיינונג,

ד. ה. די שטימונג פון דעם טהייל פון דער בעפעלקערונג, וועלכער איז ניט פעראינטערעסירט דירעקט אין דעם סטרייק. אויב די בעדינגונגען, פאר וועלכע די ארבייטער קעמפפען, ערוועקען די סימפאַטיע פון דער בעפעלקערונג, איז עס אמאָל לייכטער פאר די ארבייטער צו צווינגען די ארבייטס־געבער צו מאכען הנחות. אבער דאָס איז ניט אימער ריכטיג. אין דעם קאָלאָראדא סטרייק איז די גאַנצע עפענטליכע מיינונג געווען פאר די סטרייקער און געגען דער סטענדערד אָיל. דאָך האָבען די ארבייטער פערלוירען דעם סטרייק. די עפענטליכע סימפּאַטיע האָט ניט געקאנט העלפען געגען די מאכט און אויסדויערס־קראפט פון דעם גרויסען טראָסט.

די ארבייטער האָבען געלערענט פון ביטערער ערפאהרונג, אַז זיי מוזען זיין פאָרבערייטעט פאר די פאלען, ווען די ארבייטס־געבער עקשנ'ען זיך איין אויף אַ לענגערע צייט. דער ארבייטער ווייס, אַז אין אַזאַ פאל איז ער אימער דער שוואַכערער, ווייל ער איז פערזאָרגט נור אויף אַ קורצע צייט. ארומגעהען ליידיג הייסט אויפעסען די גרייטע פאָר גראשען און בלייבען אָהן וועלכע עס איז מיטלען צום לעבען. ווי בערייט דער אָרבייטער זאָל ניט זיין צו ליידען פאר זיינע גערעכטע פאָדערונגען, קאן ער דאָך ניט לאנג אויסהאלטען הונגער און נויט און איבערהויפּט צוזעהען די ליידען פון זיין פרוי און קינדער. די ארבייטער מוזען דאריבער זיך פארבערייטען צו יעדען סטרייק, אויב זיי ווילען זיין אין שטאַנד איהם אַנצופיהרען מיט דער נויטיגער קראפט.

די מייסטע טרייד־יוניאָנס שטרעבען דאריבער צו שאפען אַ סטרייק־פאָנד, וועלכער זאָל זיין גרויס גענוג פאר אַלערליי פעלע. דער פאָנד ווערט צוזאַמענגעשטעלט טהיילווייז פון די איינטריטס־געלדער און מאָנאַטליכע צאהלונגען, טהיילווייז פון ספּעציעלע אַסעסמענטס (שטייערען.) די טרייד־יוניאָנס האָבען אימער גענטה'ט, אַז הויכע איינטריטס־בעצאהלונגען און הויכע „דיוס“ (רעגולערע צאהלונגען), זיינע זעהר וויכטיג פאָר דעם ערפאָלג פון אַן אָרגאַניזאַציאָן. וואָס מעהר די ארבייטער צאָהלען אין זייער יוניאָן, אַלץ מעהר קאָן זי אויסגעבען פאר איהרע פערשידענע אויפגאַבען. געווים, אַ טהייל פון די איינצאהלונגען איז נויטיג פאר געוועהנליכע אויסגאבען. יעדע אָרגאַניזאַציאָן מוז האָבען איינעם אָדער עטליכע אַנגעשטעלטע, וועלכע זאָלען אוועקגעבען זייער

גאַנצע צייט פאר ארגאַניזאַציאָנס־ארבייט. די יוניאָן מוז אויפהאַלטען איהרע אַנגעשטעלטע און מוז שאפען גענוג געלד פאר אַלע אַנדערע טאָג־טעגליכע ארגאַניזאַציאָנס־בעדערפניסען. די אבצאָהלונגען פון די ארבייטער דאַרפען אבער זיין אזוי גרויס, אז עס זאָל בלייבען גענוג אויף אַנדערע יוניאָן־טהעטיגקייטען. אין איינינגע יוניאָנס איז דאָ א רול, אַז אַ געוויסער פּראָצענט פון דער איינקונפט זאָל בעלאַנגען צום סטרייק־פאָנד. אנדערע ווידער האָבען ספּעציעלע סטרייק־דיוס, וועלכע מוזען בעצאָהלט ווערען בעזונדער. אויף אַזאַ אופן האָבען פיעלע יוניאָנס אַנגעזאַמעלט בעדייטענדע סטרייק־פאָנדס.

די געלדער פון דעם סטרייק־פאָנד קאָנען געברויכט ווערען נור פאר איין צוועק — צו צאָהלען סטרייק־בענעפיטס. ווי געענגט אַ יוניאָן זאָל אמאָל ניט זיין אין געלד פאר אַלערליי צוועקען, וועט זי ניט אַנריהרען איהר סטרייק־פאָנד. דאָס איז אַ כלל פון יעדער טרייד־יוניאָן, וועלכע האָט אַזאַ פאָנד. דער שכל דערפון איז אַ פּראָסטער. אַ יוניאָן בעטראַכט איהר סטרייק־פאָנד אלס איהר הויפּטוואפען אין פאַל פון אַ סכסוך מיט אַן ארבייטס־געבער, און וויל ניט טעמפּ מאַכען איהר אייגענע כלי זיין. די יוניאָן וויל זיין אין שטאַנד אין פאַל פון אַ סטרייק צו פערלייכטערען די לאַגע פון די סטרייקערס און צו געבען זיי די מעגליכקייט אויפצוהאַלטען די נשמה אין זייער גוף, כדי זיי זאָלען האָבען אַ פיזישע קראַפט אנצופיהרען דעם קאַמפף פאר זייערע פאָדערונגען. ווען א יוניאָן וואָלט זיך ערלויבט פון צייט צו צייט אבצוציהען דאָס געלד פון סטרייק־פאָנד פאר אנדערע צוועקען, וואָלט זי אפטמאָל געווען אין געפאהר אריינגעצויגען צו ווערען אין אַ סטרייק אין א צייט, ווען איהר סטרייק־קאַסע איז ליידיג.

אויב אַ יוניאָן איז ניט אין שטאַנד אנצוזאַמלען אַ גרויסען סטרייק פאָנד פון זייע געוועהנליכע אבצאָהלונגען, קאָן זי ארויפלעגען אויף איהרע מיטגליעדער פון צייט צו צייט ספּעציעלע סטרייק־שטייער. זאָגאר גרויסע יוניאָנס, וועלכע האָבען הויכע דיוס, טהוען עס. יעדע יוניאָן מאַכט אויך פערשידענע בעדינגונגען פאר סטרייק־בענעפיטס. אַ פאַמיליען־מאַן קריגט מעהר, ווי אַ בחור. אין פיעלע יוניאָנס קריגט קיינער ניט קיין בענעפיטס די ערשטע עטליכע וואָכען. די יוניאָן נעהמט אַן אַזוינע מיטלען, כדי דער סטרייק־פאָנד

זאָל קאָנען דיענען וואס מעהר און די ארבייטער זאָלען קאָנען אויס־האַלטען וואָס לענגער.

ווי גרויס דער סטרייק־פאָנד פון אַ יוניאָן זאָל ניט זיין, קאָן ער ניט פערשאפען מעהר ווי דאָס נויטיגסטע. יעדער סטרייק מוז דאריבער ברענגען מיט זיך געוויסע לײדען פאר די אַרבייטער. די קאפיטאַליסטען וויסען דאָס און זיינען אימער בערייט דערמיט זיך צו בענוצען. די יוניאָן מוז דאריבער זעהען אויפצוהאַלטען די קאמפפס־לוסטיגקייט און ענטשלאָסענהייט פון די סטרייקערס. ווען אַלע ארבייטער פון אַ טרייד אין אַ געוויסער שטאָדט בעלאנגען צו דער יוניאָן, איז דאָס נאָך ניט אזוי שווער. אבער ווען אַ גרוי־סער צאָהל ארבייטער אין אַ טרייד זיינען ניט אָרגאַניזירט און זייי־נען בערייט צו פערנעהמען די פּלעצער פון די סטרייקערס, דאָן מוז די יוניאָן אַנווענדען אַלע איהרע כחות דאָס ניט צו דערלאָזען.] אין די מייסטע סטרייקס איז די יוניאָן דאריבער געצוואונגען אנצופיה־רען אַ העפטיגע אגיטאַציאָן צווישען די ארבייטער און צו „פּיקע־טען“ די שעפּער, אין וועלכע דער סטרייק קומט פאָר. די אידעע פון „פּיקעטען“ איז אַ לאָגישע אַנווענדונג פון טרייד־יוניאָניסטישע פּרינציפּען. עס איז ניט מעהר ווי דער פערזוך ניט צו דערלאָזען קיין קאָנקורענץ צווישען פערשידענע ארבייטער אין דער צייט פון אַ סטרייק. דער „פּיקעט“ האָט אייגענטליך נור די אויפגאבע צו ערוועקען אין די ארבייטער, וועלכע ווילען פערנעהמען די פּלעצער פון די סטרייקערס, אַ געפיהל פון סאָלידאריטעט און אַ בערייט־וויליגקייט צו האַנדלען געמיינשאַפטליך מיט די סטרייקערס. אָבער די אומשטענדען פון אַ סטרייק זיינען אַזעלכע, אַז דאָס „פּיקעטען“ קען אָפט פיהרען צו געוואלטזאמע צוזאַמענשטויסען.

דער סטרייק איז דער שארפסטער קאמפפס־מיטעל אין די הענד פון די ארבייטער. עס איז אַ מיטעל, וועלכער איז בעגרינדעט אויף דער בעדייטונג, וועלכע די ארבייטער שפּילען אין דער פּראָ־דוקציאָן. אָבער די ארבייטער האָבען אַ מאכט אויך אלס געברוי־כער (קאָנסיומערס) און זיי קאָנען דיזע מאכט אויסנוצען צו פערר־בעסערען זייער לאַגע. די צוויי וויכטיגסטע מיטלען, וועלכע דער טרייד־יוניאָניזם האָט ענטוויקעלט אויף דעם גרונד פון דיזער מאכט זיינען דער לייבעל און דער באָיקאָט.

דער לייבעל איז אַן אַטעסטאַט, וועלכען די יוניאָן גיט דעם פאַ־בריקאַנט, אלס בעווייז, אַז ער האָט פּראָדוצירט זיין סחורה אונטער

בעדינגונגען, וועלכע די יוניאן האט גוט געהייסען. דער לייבעל האט א בעדייטונג פאר דעם פאבריקאנט נור דאן, ווען ער וויים, אז די ארבייטער זיינען בערייט צו פאדערען נור אזוינע פראדוקטען, וועלכע זיינען געמאכט אין יוניאן־שעפער אונטער יוניאן־בעדינגונגען. די יוניאן מוז דעריבער פריהער ענטוויקלען אין די ארבייטער די געוואהנהייט צו פאדערען יוניאן־פראדוקטען, וועלכע האבען אויף זיך דעם לייבעל. ווען דער פאבריקאנט וויים, אז ער קאן פערקויפען מעהר סחורה מיט א לייבעל, וועט ער נאכגעבען די פאדערונגען פון די ארבייטער, כדי איהם צו בעקומען.

דער לייבעל קאן ניט אנגעווענדעט ווערען שטענדיג. אין אייניגע אינדוסטריען, ווי צום ביישפיל, אין דער שטאהל אינדוסטריע, ווערען די פראדוקטען פערקויפט ניט צו ארבייטער, נור צו אונטערנעהמער. דער פאבריקאנט קאן ניט פערקויפען מעהר שטאהל מיט א לייבעל, ווי אהן א לייבעל. אין אנדערע צווייגען פון פראדוקציאן קאן א לייבעל אין גאנצען ניט אנגעווענדעט ווערען. א מאן, וועלכער פאהרט אויף אן אייזענבאהן, וועט ניט געהען בעקוקען דעם לאקאמאטיוו, צו עס איז אויף איהם אנגעקלעפט א לייבעל. א גלאז ביער אין א סאלון (שענק) אדער א גלאז טהעע אין א קאפע־הויז קאנען ניט טראגען אויף זיך א סימן, צו זיי זיינען געמאכט געווארען אונטער יוניאן־בעדינגונגען. דער לייבעל האט פונדעסטוועגען זעהר א גרויסען פעלד, וואו ער קאן אנגעווענדעט ווערען. אין די פעראייניגטע שטאאטען, צום ביישפיעל, זיינען פאראן 56 לייבעלס וועלכע ווערען געברויכט פון יוניאנס וואס בעלאנגען צו דער „אמעריקאן פעדערייש‌אן אוו לייבאר“. די צאהל איינצעלנע לייבעלס, וועלכע דיזע יוניאנס פערברויכען, איז אונגעהייער. די בעקערס יוניאן אליין האט פערברויכט אין דעם לעצטען יאהר העכער זעקס הונדערט מיליאן לייבעלס; די יוניאן פון טאבעקא ארבייטער — העכער פיער הונדערט מיליאן; די סיגארמייקערס יוניאן אן ערך פון דרייסיג מיליאן.

דער באיקאט איז ביז א געוויסען גראד נור די נעגאטיווע פארם פון דעם לייבעל. די אידעע פון דעם לייבעל בעשטעהט אין דעם, וואס די ארבייטער זיינען מסכים צו קויפען נור אזוינע פראדוקטען, וועלכע האבען דעם הכשר פון דער יוניאן. דער באיקאט, פערקעהרט, איז א בעשלוס פון די ארבייטער ניט צו קויפען קיינע פרא־

דוקטען, וועלכע זיינען ניט פאבריצירט געוואָרען אונטער בעדינגונ־גען, וועלכע די יוניאָן האָט גוטגעהייסען. דער באיקאָט, ווי דער לייבעל, איז אַן אויסדרוק פון דער מאכט פון די אַרבייטער, אַלס קאָנסיומערס. אָבער די קראפט פון באיקאָט בעשטעהט אין דעם, וואָס די ארבייטער ענטזאגען זיך צו געברויכען אַ געוויסען פּראָ־דוקט, געגען וועלכען אַ באיקאָט איז ערקלעהרט געוואָרען.

דער ערפאָלג פון דעם באיקאָט, ווי פון דעם לייבעל, הענגט אָב פון דער סאָלידאַריטעט פון די ארבייטער. אויב די ארבייטער וועלען ניט מסכים זיין זיך אָבצוזאָגען פון אַ געוויסען ארטיקעל, קאַן דער באיקאָט ניט האָבען קיין ממשות. אין מייסטע פעלע איז דער באיקאָט אַ געוויסע שווערינקייט פאַר די ארבייטער, ווייל זיי מוזען זיך ענטזאגען פון אַן ארטיקעל, וועלכען זיי גלייכען אָדער צו וועלכען זיי האָבען זיך צוגעוואָהנט אָדער וועלכען זיי קאַנען קריגען לייכטער. אמאָל איז דער באיקאָטירטער ארטיקעל דער איינ־ציגער, וועלכער קאַן בעפרידיגען אַ געוויסע בעדערפנים. די ארביי־טער דאַרפען זיין בערייט צו ליידען דיזע אַלע אונבעקוועמליכקיי־טען, כדי דער באיקאָט זאָל זיין אַן ערפאָלג.

אַזוי ווי דער לייבעל, אַזוי קאַן אויך דער באיקאָט דערגרייכען זיין צוועק נור דאַן, ווען ער ווערט ערקלעהרט געגען פּראָדוקטע, וועלכע ווערען געברויכט מאַסענווייז פון ארבייטער און זייערע פריינד. עס וואָלט געהאַט אַ קנאַפּע בעדייטונג צו ערקלעהרען אַ באיקאָט געגען די גרויסע מאַדען־שעפּער, וואו מען מאכט טהייע־רע קליידער פאַר פרויען. די קונדען פון דיזע שעפּער האָבען ווע־ניג סימפּאַטיע פאַר די ארבייטער און וואָלטען זיך וויינינג וואָס גע־רעכענט מיט אַ באיקאָט. עס איז אויך אונמעגליך דורכצופיהרען אַ באיקאָט אויף אַ פּראָדוקט, אויף וועלכען עס עקזיסטירט אַ מאָנאָ־פּאָל. עס וואָלט געווען אונמעגליך, צום ביישפּיעל, פאַר די איינ־וואָהנער פון ניו־יאָרק צו באיקאָטירען די גאַז־קאָמפּאַניעס אָדער די אינטערבאָראָ רעפּיד טראַנזיט קאָמפּאַניע.

דער סטרייק, דער לייבעל און דער באיקאָט זיינען די מעטהאָ־דען, מיט וועלכע דער טרייד־יוניאָניזם פיהרט אָן דעם קאַמפּף גע־גען די אַרבייטס־געבער. אָבער דער טרייד־יוניאָניזם איז ניט דורכ־געדרונגען מיט קיין בעזונדערער ליעבע צום קאַמפּף. ער קעמפּפט ווען עס איז נויטיג, און פיהלט, אַז מען מוז זיין פאַרבערייטעט פאַר

אַ קאַמפף. אָבער ווען עס איז מעגליך צו דערגרייכען דעם זעלבען צוועק אויף אַ פרידליכען אופן, איז די יוניאָן אַ סך מעהר צופרידען. די טרייד־יוניאָנס האָבען דעריבער ענטוויקעלט פערשיעדענע מעטאָדען, וועלכע האָבען דעם צוועק צו פער לייכטערען פריעדליכע פערהאַנדלונגען צווישען ארבייטער און ארבייטס־געבער. די וויכטיגסטע פון דיזע מעטהאָדען זייגען דער קאָללעקטיווער אַגרימענט, מידיאיישאָן און קאָנסיליאיישאָן, און ארביטריישאָן.

דער קאָללעקטיווער אַגרימענט איז אַן אָבמאַך אָדער אַ קאָנטראַקט צווישען אַן ארבייטס־געבער אָדער אַן אַססאָסיאיישאָן פון אַרבייטס־געבער און אַ גרופע ארבייטער וועגען די וויכטיגסטע אַרבייטס־בעדינגונגען. די ארבייטס־געבער, וועלכע זיינען בערייט צו שליסען אַ קאָללעקטיווען אַגרימענט מיט זייערע ארבייטער, טהוען דאָס אָדער דערפאַר. ווייל זיי ווילען אויסמיידען סטרייקס, אָדער ווייל זיי ווילען אָבשאַפען די נידריגע פאָרמען פון קאָנקורענץ אין דער אינדוסטריע. זייער וויכטיגסטע פאָדערונג בעשטעהט אין דעם, אַז די יוניאָן זאָל ניט אנפיהרען קיינע סטרייקס, כל זמן דער אגרימענט איז אין קראַפט. די ארבייטער פון זייער זייט פאָדערען, אַז די ארבייטס־בעדינגונגען זאָלען זיין מעהר אָדער וועניגער צופריעדענשטעלענד, אזוי אַז עס זאָל זיך ניט לוינען צו סטרייקען. דער קאָללעקטיווער אגרימענט איז שטענדיג א קאָמפּראָמיס, אַ פשרה. אמאָל איז ער מעהר גינסטיג פאַר די ארבייטער, אמאָל פאַר די ארבייטס־געבער. אין אַלגעמיין, דריקט ער אויס די פערהעלטניסמעסיגע מאכט פון ביידע צדדים. דער צד, וועלכער איז שטארקער, צווינגט דעם צווייטען צד צו מאכען גרעסערע הנחות. קיין אבסאָלוטע צופרידענהייט קאָן קיין אגרימענט ניט שאַפען.

דער קאָלעקטיווער אַגרימענט איז געוועהנליך אַן אויספיהרליכער דאָקומענט, אין וועלכען עס ווערען דייטליך פערהאַנדעלט די פּונקטען וועגען ווידזשעס פון שטיק און ביי דער וואָך, ארבייטס־שטונדען, ימים־טובים, אָווערטיים, דאָס אָבזאָגען און אַרויפנעהמען פון ארבייטער, סאַניטארע בעדינגונגען א. ז. וו. קיין אַגרימענט קאָן פונדעסטוועגען ניט בעהאנדלען אלע פּונקטען אַזוי, אז אלעס זאָל אימער געהען גלאַט. אין די טאָג־טעגליכע פערהעלטניסען צווישען ארבייטער און ארבייטס־געבער מוזען פאָרקומען פעלען, ווען עס איז

שווער צו בעשטימען, ווי אַזוי דער אַגרימענט זאָל אויסגעטייטשט ווערען. די מייסטע טרייד־יוניאַנס, וועלכע האָבען קאָנטראַקטען מיט זייערע באָסעס, האָבען אויך פערשידענע מיטלען, ווי צו פער־האנדלען די סכסוכים, וועלכע קומען פאָר אַלס פאָלגע פון דעם אַג־רימענט. דער געוועהנליכער מיטעל איז צו האָבען אַ באָרד אָוו מידי־איישאָן און קאָנסיליאיישאָן, (אַ מין פשרה מאכער), וועלכע האָט די אויפגאבע ניט צו דערלאָזען, אַז די סכסוכים זאָלען זיך פענאַנ־דערוואקסען אין אַ קאַמפּף. די באָארד איז צוזאַמענגעשטעלט פון פאָרשטעהער פון ביידע צדדים, וועלכע האָבען פערפאסט דעם אַג־רימענט און איהר אויפגאבע איז אָנצופיהרען די פערהאנדלונגען אַזוי לאַנג, ביז וואנען מען קומט צו אַ בעשלוס.

אין דעם פאַל פון „קאָנסיליאיישאָן" קומען זיך די ארבייטער און ארבייטס־געבער פון אַ בעשטימטען טרייד — אָדער זייערע פאָרשטעהער — צוזאַמען און בעשליסען אין געמיינשאפטליכער בעראַטהונג יעדען פונקט, יועגען וועלכען עס איז דאָ אַ ספק אָדער אַ שטרייט. אָבער זעהר אָפט קאָנען זיך די ביידע צדדים ניט אייני־גען אַמאָל איז דער פונקט אַזוי וויכטיג, אַז יעדער צד האָט מורא, אַז ער וועט זיך פיעל שעדיגען, אויב ער וועט נאָכגעבען. אַמאָל איז דער אַגרימענט אַזוי אונקלאָהר, אַז מען קאַן ניט קומען צו קיין בעשלוס. אַמאָל איז דער סכסוך וועגען אַ זאַך, וועלכע איז גאָרניט דערמאָהנט אין דעם אגרימענט, און וועלכע האָט דאָך אַ יוויכטיגע און פרינציפּיעלע בעדייטונג. אויב יעדער צד וויל אויספיהרען זיינס און וויל דאָך אויסמיידען אַ קאַמפּף, האָבען זיי אַ ברירה צו „געהען צו ארביטריישאָן", ד. ה. זיך פערלאָזען אויף זייטיגע מענ־שען. „ארביטריישאָן" אונטערשיידעט זיך פון „קאָנסיליאיישאָן" נור דערמיט, וואָס דער בעשלוס ווערט געפאסט פון זייטיגע מענ־שען, וועלכע ביידע צדדים קלייבען אויס אַלס זייערע פאָרשטע־הער, און וועמענס בעשלוס זיי פערפליכטען זיך צו פאָלגען. די גאַנ־צע פּראָצעדור איז אַ פּרייוויליגע. קיינער צווינגט ניט די ארבייטער און די ארבייטס־געבער צו אַרביטרירען. קיינער זאָגט זיי ניט קיין דעה, וועמען זיי זאָלען אויסקלייבען. עס איז אַ בוררות און די עט־היק פון דעם קאָללעקטיווען קאָנטראַקט פאָדערט, אַז ביידע צדדים זאָלען פאָלגען דעם פּסק דין פון דער „באָרד אָוו ארביטריישאָן", אפילו ווען ער איז ניט אין גאַנצען צופרידענשטעלענד.

אויף דער ערשטער שטופּע פון דער טרייד־יוניאָניסטישער בע־וועגונג זיינען די קאָללעקטיווע אגרימענטס געווען זעהר איינפאַך און האָבען ניט געפאָדערט קיין בעזונדערען מעכאַניזם. מיט דער צייט אָבער זיינען זיי געוואָרען זעהר פערוויקעלט. די מייסטע טריידס, וועלכע שליסען יעצט קאָלעקטיווע אגרימענטס, האָבען אויך אַ קאָמפּליצירטע מאַשינעריע פאַר דער אויסטייטשונג פון דעם אג־רימענט און פאַר דער שליכטונג פון סכסוכים, וועלכע ער רופט ארויס. די וויכטיגסטע רעדער אין דיזען מעכאַניזם זיינען די „באָרדס אָוו קאָנסיליאיישאָן און ארביטריישאָן“. אלס גוטער ביי־שפּיעל פון אַ העכסט קאָמפּליצירטען קאָללעקטיווען אבמאַך קאָן דיענען דער זאָגענאַנטער „פּראָטאָקאָל“ אין דער נאָדעל־אינדוסטריע אין ניו יאָרק. אבוואָהל דיזער „פּראָטאָקאָל“ איז בעגריסט געוואָרען אלס אַ נייע תורה פון בארג סיני, איז ער דאָך ניט מעהר ווי אַ נייע אַנווענדונג פון אַן אַלטען פּרינציפּ. די אייגענאַרטיגקייט פון דעם „פּראָטאָקאָל“ בעשטעהט נור אין דעם, וואָס ער האָט געשאַפען שטענדיגע אינסטאַנצען פאַר מידיאיישאָן און קאָנסיליאיישאָן, די זאָגענאַנטע קלוירקס. די בעדינגונגען פון דער אינדוסטריע, וועל־כע רופען ארויס כמעט שטענדיגע מיספערשטענדניסע, האָבען גע־מאַכט דיזע נייע איינריכטונג נויטיג.

ווען אַן ארבייטס־געבער מאַכט אַן אַגרימענט מיט דער יוניאָן, הייסט דאָס, אַז ער אנערקענט די יוניאָן. די אנערקענונג בעשטעהט אין דעם, וואָס דער ארבייטס־געבער בעטראַכט די יוניאָן אויס־דריקליך אלס די פאָרשטעהערין פון די ארבייטער און פערפּפליכ־טעט זיך צו פערהאַנדלען מיט די יוניאָן־אַנגעשטעלטע וועגען אַלע טרייד־אַנגעלעגענהייטען. ער ענטזאָגט זיך דערמיט פון דעם רעכט צו דינגען זיך מיט יעדען איינצעלנעם ארבייטער בעזונדער און צו האַנדלען מעשה קייזער ביי זיך אין פאַבריק. עס הייסט, אַז דער אונטערנעהמער נעהמט אַן די גרונד־פּרינציפּען פון דעם טרייד־יו־ניאָניזם און פערפּפליכטעט זיך צו האַנדלען אין אנקלאַנג מיט זיי.

דאָס איז אַלעס, וואָס די יוניאָן קאָן פאָדערען פון דעם אַר־בייטס־געבער. די מאָטיווען, וועלכע זיינען דער גרונד פון זיין האַנד־לונג, זיינען ניט דער יוניאָנס עסק. דער ארבייטס־געבער קאָן זיין אַ גוטער פריינד פון די ארבייטער און וויקרליך גלויבען אין דער גערעכטיגקייט פון זייער זאַך. עס איז אָבער אויך מעגליך, אַז ער

זאָל זיין אַ שונא פון דער ארבייטער בעוועגונג און זאָל פערהאַנדלען מיט דער יוניאָן נור ווייל ער האָט פאר איהר מורא אָדער ווייל עס לוינט זיך איהם אזוי דערוויל. דאָס איז ניט קיין פוסטע השערה. עס האָט ניט איין מאָל פאַסירט, אז אַן אונטערנעהמער, וועלכער האָט געהאט אַן אבמאך מיט דער יוניאָן, האָט זיך פלוצלונג ענטזאגט צו פערהאַנדלען מיט איהר און האָט זיך ארויסגעוויזען פאר א פערביסענעם פיינד פון יעדער ארבייטער־אָרגאַניזאציאָן. א יוניאָן קאַן דאריבער קיין מאָל זיך ניט פערלאָזען אויף דער גוטסקייט אָדער דער פיינקייט פון די ארבייטס־געבער. זי מוז אימער האַנדלען אויף דער השערה, אז נור איהר מאכט קאַן צווינגען די ארבייטס־געבער זיך צו רעכענען מיט די ארבייטער. זי מוז דאריבער זעהען אויפהאַלטען א שטארקע ארגאַניזאציאָן, וועלכע זאָל קאָנען צו יעדער צייט אָנווענדען די שארפסטע און מעכטיגסטע מיטעל פון דעם טרייד־יוניאָניזם, זאָגאר דעם סטרייק. דער בעסטער פונדאמענט פאר אַ קאָללעקטיווען אגרימענט איז א שטארקע יוניאָן.

דער ערפאלג פון אַלע טרייד־יוניאָניסטישע מעטהאָדען הענגט אָב סוף כל סוף פון דער סאָלידארישער האַנדלונג פון די ארבייטער. די טרייד־יוניאָנס מוזען דאריבער זעהען צוצובינדען די ארבייטער צו זייערע אָרגאַניזאציאָנען אויף אַזאַ אופן, אז זיי זאָלען אימער האַנדלען צוזאמען. דעם גרעסטען נסיון פאר דעם ארבייטער שטעלען מיט זיך פאר יענע מאָמענטען אין זיין לעבען, ווען ער געהט ארום אָהן ארבייט, ווען ער איז קראַנק, אָדער ווען ער ווערט צו אַלט פאר דער ארבייט און דאָס גלייכען. אין אַזוינע מאָמענטען פיהלט ער זיך נידערגעשלאָגען און עלענד און אויס פערצווייפלונג איז ער בערייט צו טהאָן, וואָס עס מאכט זיך. ווען די יוניאָן קומט איהם צו הילף אין אַזוינע מאָמענטען, ערוועקט זי אין איהם אַ געפיהל פון צוגעבונדענהייט צו דער ארגאַניזאציאָן און פון פעראַנטוואָרטליכקייט צו זיינע מיטארבייטער. דאָס איז די אורזאכע, ווארום די מייסטע יוניאָנס האָבען ספּעציעלע קראַנקען־בענעפיטס, ארבייטסלאָזיגקייט־בענעפיטס, פערזיכערונג אויף דער עלטער און אנדערע זאָגענאַנטע „פריינדליכע“ איינריכטונגען.

מאַנכע טרייד יוניאָנס צאָהלען אויס גרויסע סומען יעדעס יאָהר צו זייערע מיטגליעדער פאר דיעזע צוועקען. צ. ב. אין דעם פער־

גאַנגענעם יאָהר האָט די סיגאַר מייקערס יוניאָן אויסגעצאָהלט צו איהרע מיטגליעדער $210,000 קראַנקען־בענעפיט; די בעקערס יוניאָן — העכער דריי און פופציג טויזענד דאָלאַר; די בראָדערהוד פון קאַרפּענטערס האָט אויסגעצאָהלט דריי הונדערט און פיער און צוואַנציג טויזענד דאָלאַר טויטען־בענעפיט. די סיגאַר מייקערס האָבען אויסגעצאָהלט אַ הונדערט טויזענד דאָלאַר צו ארבייטסלאָזע מיטגליעדער. די וויכטיגסטע יוניאָנס, וועלכע בעלאַנגען צו דער „אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאר" האָבען אַלע צוזאַמען אויסגעצאָהלט העכער צוויי מיליאָן דאָלאַר אין טויטען־בענעפיט, כמעט אַ מיליאָן דאָלאַר אין קראַנקען־בענעפיט, העכער זיעבציג טויזענד דאָלאַר אויף רייזע־הוצאות, און העכער צוויי־הונדערט טויזענט דאָלאַר צו ארבייטסלאָזע. אַלע דיזע געלדער ווערען געוועהנליך גערעכענט בעזונדער, און אין אייניגע יוניאָנס זיינען די איינצאָהלונגען פאַר דיזע בענעפיטס פרייוויליגע, און אויב אַן ארבייטער וויל זיך פערזיכערען אנדערשוואו אָדער וויל גאָר ניט זיין פערזיכערט געגען ארבייטס־לאָזיגקייט אדער קראַנקהייט, איז דאָס זיין זאַך. פיעלע טרייד־יוניאָניסטען אָבער דענקען, אַז דיזע אבצאָהלונגען וואָלטען געדאַרפט איינגעפיהרט ווערען אין אַלע יוניאָנס און פאַר אַלע מיטגליעדער גלייך, אַלס דער בעסטער מיטעל פאַר אחדות און טרייד־יוניאָניסטישע טרייהייט.

גלייכצייטיג מיט דער פערשיעדענאַרטיגער טעטיגקייט, וועלכע מיר האָבען בעשריבען, מוזען די טרייד־יוניאָנס אָנפיהרען אַן אונאויפהערליכע ערציהונגס־ארבייט. סיי צווישען די מיטגליעדער, סיי צווישען די ברייטע אונארגאַניזירטע מאַסען, סיי צווישען דעם אַלגעמיינעם עולם. די ערציהונגס־ארבייט פון די טרייד־יוניאָנס נעהמט אָן פערשיעדענע פאָרמען. עס זיינען פאַראַן ספּעציעלע טרייד־יוניאָן שולען, וואו די ארבייטער קענען לערנען אַ טרייד, פּראָפּאַגאַנדא שולען, ספּעציעלע קורסען פאַר ארגאַנייזערס און בעאַמטע א. ז. וו. צווישען די ניט אָרגאַניזירטע מאַסען און דעם ניט־ארבייטער עולם פיהרט די יוניאָנס אַן אַ פּראָפּאַגאַנדא פאַר זייערע אַלגעמיינע אידעען. דאָס איז נויטווענדיג, ווייל דער ערפאָלג פון די יוניאָנס הענגט זעהר אָפט אָב פון דער אַלגעמיינער שטימונג אין לאַנד.

פיערטער קאַפּיטעל

די סטרוקטור און די פונקציאָנירונג פון דעם טרייד־יוניאַניזם.

די קריטיק פון דעם טרייד־יוניאַניזם; די הויפּט־אידעען פון דעם אינדוסטריאַליזם; די סאָציאַליסטישע אויפפאסונג און דער טרייד־יוניאַניזם; דער אינערליכער קאמפף אין דער טרייד־יוניאַניסטישער בעוועגונג; די ענדערונגס־טענדענץ פון דעם טרייד־יוניאַניזם; די אויסזיכטען פאר דער צוקונפט.

די אויפגאבען, וועלכע דער טרייד־יוניאַניזם שטעלט זיך, קאָנען ניט ריכטיג ערפילט ווערען אָהן אַ שטענדיגער און פעסטער אָרגאַניזאַציאָן. אין די ערשטע יאָהרען פון דער ארבייטער־בעוועגונג איז די אָרגאַניזאַציאָן פון דעם טרייד־יוניאַניזם געווען גאנץ איינפאַך אויף דעם שטייגער פון די אַמאָליגע פרימיטיווע דעמאָקראַטישע געמיינדען. אבער וואָס מעהר עס האָט זיך ענטוויקעלט דאָס מאָדערנע פאבריק־סיסטעם, אַלץ קאָמפּליצירטער איז געוואָרען דער בנין פון דעם טרייד־יוניאַניזם. דער וואוקס פון די גרויסע שטעדט, די ענטוויקלונג פון די אייזענבאהנען און דאמפף־שיפען, די אויסברייטונג פון דעם מארק, די קאָנצענטראַציאָן פון קאפּיטאל אין גרויסע אונטערנעהמונגען און די אַנדערע עקאָנאָמישע ערשיינונגען פון אונזער צייט האָבען צערשטערט די ווירקזאמקייט פון די פריי־הערדיגע קליינע און איינפאכע ארבייטער ארגאַניזאַציעס. די קליינע לאָקאַלע יוניאָנס האָבען זיך געמוזט פעראייניגען אין גרעסערע פערבאנדען און אין נאַציאָנאַלע פעדעראַציאָנען. אויף דעם פּלאַץ פון איינפאכע דעמאָקראַטישע מנהגים איז אויסגעוואקסען אַ גרויסע רעפּרעזענטאַטיווע דעמאָקראַטיע מיט פערשידענאַרטיגע און קאָמפּליצירטע איינריכטונגען. מיט איין ווארט, דער טרייד־יוניאַניזם איז געוואָרען אַ גרויסער און שטארקער ארגאַניזם מיט אַ פערוויקעלטער סטרוקטור און אַ קאָמפּליצירטער סיסטעם פון פערשיעדענאַרטיגע פונקציעס.

דער פונדאַמענט פון דעם טרייד־יוניאַניסטישען בנין איז די לאָקאַלע פעראייניגונג פון ארבייטער פון דעם זעלבען טרייד. דער

טרייד־יוניאָניזם האָט אין דיזער הינזיכט זיך װעניג געענדערט. ער צעגלידערט יעדע אינדוסטריע אָדער די פּראָדוקציאָן פון װעלכען עס אין פּראָדוקט אויף א רייהע פון בעזונדערע פאַכען, לויט די אינס־טרומענטען, װעלכע די ארבייטער געברויכען, אָדער לויט דעם ספּעציעלען ארבייטס־פּראָצעס, װעלכען זיי פיהרען דורך. ניט אכטענדיג אויף די פיעלע און טיעפע ענדערונגען, װעלכע די מאַשין האָט אריינגעבראכט אין דער אינדוסטריע, בעשטעהט דער טרייד־יוניאָניזם דאָך אויף דער נויטװענדיגקייט צו אונטערשיידען איין פאַך פון אן אנדערן און אויפצוהאלטען די צוטהיילונג פון די ארבייטער אויף בעזונדערע טריידס. לויט דיעזען שטאַנדפּונקט ענדערט די מאַשין נור דעם כאראקטער פון די טריידס אדער פיהרט איין א נייע ארבייטס־צוטהיילונג, אָבער בשום אופן שאפט זי ניט אָב די פונדאמענטאלע צוגלידערונג פון דער אינדוסטריע אויף איינצעלנע טריידס.

די לאָקאלע טרייד יוניאָן, ד. ה. די פעראייניגונג פון די ארבייטער פון דעם זעלבען טרייד, װעלכע װאָהנען אין דער זעלבער שטאָדט, שאפט דב די ערשטע פארם פון דער קאָנקורענץ צװישען די ארבייטער. אין דער ערשטער פעריאָדע פון דעם פאבריק־סיסטעם װען דער פערקעהר צװישען די פערשידענע טהיילען פון א לאנד איז געװען זעהר שװער, איז די לאָקאלע יוניאָן געװען די װיכטיגסטע פארם פון ארבייטער־ארגאַניזאציאָן. אין יעדער שטאָט האָבען זיך די ארבייטער פון בעזונדערע טריידס ארגאַניזירט אין אזוינע לאָקאלס, װעלכע זיינען געװען זעלבסטשטענדיג אין אלע הינזיכטען. אָבער מיט דער ענטװיקלונג פון דעם אייזענבאהן־סיסטעם און דעם דאמפּף־שיף איז געװאָרען פיעל לייכטער פאר ארבייטער פון איין שטאָדט צו זוכען ארבייט אין אַן אנדער שטאָדט. די ענטװיקלונג פון די מיטלען פון פערקעהר האָבען מיט דער צייט צערשטערט די בעדייטונג פון װייטע שטרעקען אין דער אינדוסטריע. ארבייטס־געבער, װעלכע האָבען געװאָלט ברעכען א סטרייק אין ניו־יאָרק האָבען ניט געהאט קיינע שװעריגקייטען אריינצוברענגען ארבייטער פון פילאדעלפיא אדער סאַן־פראנציסקא. די ארבייטער האָבען דערזעהען, אז אונטער אזוינע אומשטענדען פערשפּרייט זיך די געפאהר פון קאָנקורענץ איבער'ן גאנצען לאנד און אז די לאָקאלע יוניאָנס זיינען ניט אין שטאנד צו קעמפּפען גענען איהר. זיי האָבען דאריבער דערפיהלט די נויטװענדיגקייט צו פעראייניגען די

לאָקאלע יוניאָנס פון פערשידענע שטעדט אין אלגעמיינע נאַציאָנאַלע יוניאָנס פון דעם זעלבען טרייד. די ענטוויקלונג פון נאציאנאלע טרייד־יוניאָנס איז ניט אָנגעגאנגען מיט דער זעלבער שנעלקייט אין פערשידענע לענדער און פערשידענע טריידס. אין די פעראייניגטע שטאַאטען איז די גאנצע ענטוויקלונג נאָך זעהר יונג. פון די 110 נאַציאָנאלע טרייד־יוניאָנס, וועלכע בעלאנגען צו דער „אַמעריקאן פעדערײשאָן אָוו לייבאר“ זיינען אכציג ניט מעהר ווי פונפצעהן יאָהר אַלט. אייניגע יוניאָנס האָבען אַ לענגערע געשיכטע, ווי צ. ב. די סיגאר מייקערס יוניאָן, די בראָדערהוד פון קארפּענטערס, די יוניאָן פון בלעקסמיטס, די שניידער יוניאָן און אנדערע.

נאָך פריהער איידער די ארבייטער פון דעם זעלבען טרייד פון פערשידענע שטעדט האָבען בעוויזען צו פעראייניגען זיך אין נאַציאָנאַלע פערבאנדען, האָבען זיך די ארבייטער פון פערשידענע טריידס אין דער זעלבער שטאָדט פעראייניגט אין לאָקאלע פעדעראציאָנען. אין די פעראייניגטע שטאַטען זיינען אַזוינע פעדעראציעס, אָדער סענטראל יוניאָנס, געגרינדעט געוואָרען שוין מיט פינף און זיבעציג יאָהר צוריק און האָבען געדיענט אלס דאָס וויגעלע פון דער אמעריקאנער ארבייטער בעוועגונג. דער שכל דערפון איז גאַנץ איינפאָך. די ארבייטער, וועלכע וואָהנען אין דער זעלבער שטאָדט, האָבען פיעלע געמיינשאַפטליכע אינטערעסען. זיי קאָנען העלפען איינע די אנדערע אין צייט פון סטרייקס, אָדער קעמפּפען צוזאמען פאר געוויסע שטאָדט פערבעסערונגען א. ז. וו. אין דער צייט, ווען דער פערקעהר צווישען שטעדט איז געווען קלענער, זיינען די ארבייטער פון איין שטאָדט געווען פיעל מעהר פערבונדען איינע מיט די אנדערע, ווי די ארבייטער פון דעם זעלבען טרייד פון פערשידענע שטעדט. זיי האָבען דעריבער זיך פריהער פעראייניגט אין שטאָדטישע צענטראלע יוניאָנס. אבער אפילו יעצט ווען די ראָלע פון די נאַציאָנאלע טרייד יוניאָנס איז געוואָרען זעהר גרויס, האָבען נאָך די סענטראל יוניאָנס פון די שטעדט א וויכטיגע בעדייטונג. זיי זיינען דער צענטער פון דעם שטאָדטישען ארבייטער לעבען און קאָנען בעדיענען די פיעלע עקאָנאָמישע און ספּעציעל קולטורעלע בעדערפניסען וועלכע די ארבייטער פון דער זעלבער שטאָדט האָבען. יעדע מעהר אָדער וועניגער בעדייטענדע שטאָדט אין די פעראייניגטע שטאַאטען האָט יעצט אַ סענטראל יוניאָן. אָבער עס איז לײדער אמת, אַז אין אַמעריקא שפּילען די צענטראלע שטאָדטישע יוניאָנס נאָך ניט די ראָלע, וועלכע זיי וואָלטען גע־

דארפט און געקאנט שפילען. זיי טראגען מעהר דעם כאראקטער פון לאקאלע פאליטישע ארבייטער קלובס און טהוען זעהר וועניג קולטורעלע ארבייט. די צוקונפט וועט ווייזען, אויב זיי זיינען אין שטאנד צו נעהמען אויף זיך אויך אנדערע אויפגאבען.

א וייטערער שריט אין דער ארגאניזאציאן פון די ארבייטער בעשטעהט אין דער פעראייניגונג פון די לאקאלע, שטאדטישע און נאציאנאלע טרייד־יוניאנס אין איין גרויסען נאציאנאלען פערבאנד, וועלכער כאפט ארום די ארגאניזירטע ארבייטער פון אלע טריידס פון דעם גאנצען לאנד. פון די ערשטע יאהרען פון דעם פאבריק־סיסטעם האבען די ארבייטער געפיהלט די נויט פון אזא אלגעמיינער ארגאניזאציאן. דער ערשטער פערזוך אין די פעראייניגטע שטאאטען צו גרינדען אזא נאציאנאלע ארגאניזאציאן איז געמאכט געווארען אין 1834. אבער וואס נעהענטער די ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע ברענגט די ארבייטער צוזאמען, אלץ שטארקער ווערט דער באדערפניס פאר אזא פעראייניגונג. די אמעריקאנער ארבייטער האבען צו יעדער צייט געוואלט אויפבויען א צענטראלע יוניאן פון אלע ארבייטער פון לאנד. אין 1864 האבען זיי געגרינדעט די „נעישאנאל לייבאר יוניאן", אין 1874 — „די אינדאסטריעל בראדערהוד", אין 1869 די „נייטס אוו לייבאר". אבער ערשט אין דעם לעצטען פעריאד, ווען די קאנצענטראציאן פון דער אינדוסטריע האט געשאפען דעם באדערפען פאר א פעראייניגטער ארבייטערשאפט, איז זיי געלונגען אויפצובויען א דויערנדע האפטע נאציאנאלע ארגאניזאציאן — די „אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר", צו וועלכער עס בעלאנגט יעצט די גרויסע מאיאריטעט פון ארגאניזירטע ארבייטער אין אמעריקא.

אבער דאס איז ניט דער גרענעץ פאר ארבייטער ארגאניזאציאנען. אונטער די יעצטיגע אינדוסטריעלע בעדינגונגען זיינען די ארבייטער פון פערשידענע לענדער אבגעטהיילט איינע פון די אנדערע מעהר פאליטיש, ווי עקאנאמיש. די בעוועגליכקייט פון די מאדערנע ארבייטער איז יעצט אזוי גרויס, אז אין דעם פערלויף פון איין יאהר געהען פיעלע ארבייטער היין און צוריק ניט נור פון איין לאנד אין'ם צווייטען, נור זאגאר פון איין קאנטינענט אויף אן אנדערען. די ארבייטער פון רוסלאנד און איטאליען פאהרען נאך אמעריקא; כינעזער ווערען אריינגעפיהרט קיין פראנקרייך;

די ארבייטער פון אינדיען זוכען בעשעפטיגונג אין אפריקא און קא־נאדא. די ארגאניזירטע ארבייטער פון יעדען לאנד זענען גע־צוואונגען צו בעשיצען זיך געגען דער קאנקורענץ פון ארבייטער פון אנדערע לענדער, און דער בעסטער מיטעל דאפיר איז צו פעראייניגען די יוניאנס פון אלע לענדער אזוי, אז זיי זאלען קא־נען איינע די אנדערע העלפען. דאס קומט שוין יעצט פאר אויף פערשיעדענע אופנים. פיעלע טרייד־יוניאנס האלטען אינטער־ציאנאלע קאנפערענצען פון צייט צו צייט און שליסען אינטער־נאציאנאלע אבמאכען צווישען זיך. איייניגע יוניאנס האבען שוין אנגענומען א רייהע מיטלען, וועלכע פערבינדען זיי מיט די יוניאנס פון אנדערע לענדער. צום ביישפיעל, א יוניאן־קאר־פענטער פון דייטשלאנד ווערט א מיטגליעד פון דער יוניאן אין אמעריקא, אויב ער פערלאזט זיין היימאט און קומט אהער. ער דארף בלויז זיין גוטשטעהענד און קריגען א טרענספער קארד. אנ־דערע יוניאנס העלפען זיך איינע די אנדערע אין צייט פון סטרייקס און פרעפליכטען זיך ניט צו דערלאזען, אז די ארביי־טער פון זייער לאנד זאלען געהען אלס סטרייק־ברעכער אין א אנדער לאנד. די מיינערס, די טראנספארט ארבייטער און די מע־טאל ארבייטער האבען די שטארקסטע אינטערנאציאנאלע בע־ציהונג.

מיט א פופצען יאהר צוריק האבען די ארבייטער געמאכט דעם ערשטען פערזוך צו גרינדען אן אלגעמיינע אינטערנאציאנאלע ארגאניזאציאן, וועלכע זאל פעראייניגען די ארגאניזירטע ארבייטער פון אלע לענדער. אין 1900 האבען די פארשטעהער פון די דייטשע, עסטרייכישע, שווייצארישע און אנדערע ארבייטער אבגע־האלטען א קאנפערענץ אין סטאקהאלם און האבען געגרינדעט דעם „אינטערנאציאנאלען ארבייטער־סעקרעטאריאט". מיט איייניגע יאהר שפעטער האבען זיך אויך אנגעשלאסען די פראנצויזישע ענג־לישע און אמעריקאנער ארבייטער, און דער „סעקרעטאריאט" האט אנגענומען דעם נאמען „אינטערנאציאנאלער צענטער פון טרייד־יוניאנס". די אויפגאבע פון דיעזען צענטער איז צו ענטוויקלען די געמיינשאפטליכע האנדלונג פון די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט. די טהעטיגקייט פון דיזען צענטער איז דערווייל זעהר בעשרענקט, אבער עס איז קיין ספק ניט, אז וואס ווייטער וועלען

די אינטערנאַציאָנאַלע עקאָנאָמישע בעציהונגען פון די ארבייטער ווערען נעהענטער און מעהר סאָלידאריש.

דער וואוקס פון דער טרייד־יוניאָניסטישער אָרגאַניזאַציאָן האָט נויטווענדיגערווייזע געפיהרט צו וויכטיגע ענדערונגען אין איהרע מעטאָדען. אַ לאָקאַל אין אַ קליינער שטאָדט קאָן האַנדלען אויף דעם שטייגער פון אַ פּרימיטיווער דעמאָקראַטישער געמיינדע. די אַרבייטער פון דעם לאָקאַל קאָנען זיך לייכט פערזאַמלען און בעטראַכטען זייערע אַלגעמיינע אינטערעסען. אַ פּאָרזיצענדער און אַ סעקרעטער קאָנען ערוועהלט ווערען פאַר יעדען מיטינג בעזונדער. ווען עס איז נויטיג צו פערהאַנדלען מיט די ארבייטסגעבער, קאָן מען ערוועהלען אַ ספּעציעלע קאָמיטע אויף אַ בעשטימטע צייט. די געשעפטען פון אַזאַ אָרגאַניזאַציאָן זיינען אַזוי איינפאַך, אַז מען קאָן זיך בעגעהען אָהן שטענדיגע אָנגעשטעלטע. עס איז גענוג, אַז דער אָדער יענער מיטגליעד זאָל געבען עטליכע שטונדען אַ וואָך, און די געשעפטס־פיהרונג איז בעזאָרגט. ווי עס איז שוין פריהער בעמערקט געוואָרען, האָבען די ערשטע לאָקאלע יוניאָנס געטראַגען אַזאַ איינפאַכען כאראַקטער.

אָבער ווען די מיטגלידערשאַפט פון די טרייד־יוניאָנס ווערט בעדייטענד גרעסער, ווערט אַזאַ איינפאַכקייט אונמעגליך. אין אַזוינע שטעדט, ווי ניו יאָרק, פילאדעלפיא אָדער שיקאַגא זיינען פאַראַן פיעלע לאָקאלס, וועלכע צעהלען טויזענדער מיטגליעדערס. עס איז אונמעגליך פאַר טויזענדער מענשען צו האַלטען אָפטע מיטינגען צוזאַמען. זאָגאַר, ווען עס וואָלט געווען אַ פּאַסענדער פּלאַץ דאַפיר, וואָלטען אַזוינע מיטינגען ניט געקאָנט אָנפיהרען די געשעפטען, ווי געהעריג. זיי וואָלטען זיך פערוואַנדעלט אין מאַסען־פערזאַמלונגען, וואו אַלעס וואָלט געמוזט אָנגעהן מיט אַ גערויש און אין איילעניש. עס איז דאַריבער אונפערמיידליך, אַז אַזוינע גרויסע לאָקאלס זאָלען זיך צופאַלען אויף בעזונדערע אַבטהיילונגען, לויט דעם דיסטריקט, אין וועלכען די ארבייטער וואָהנען. דיזע לאָקאַל־אַבטהיילונגען מוזען דאַן ערוועהלען פאַרשטעהער, וועלכע זאָלען זיך רעגעלמעסיג צוזאַמענקומען און פערהאַנדלען די אַלגעמיינע פראַגען פון דעם לאָקאַל. אַזוי ווי עס איז נויטיג, אַז דיזע פערטרעטער זאָלען פאַרשטעהען די פראַגען, וועגען וועלכע עס

האנדעלט זיך, און זאלען ניט דארפען אב׳פטר׳ן וויכטיגע פראגען אין איילעניש, מוזען זיי ערוועהלט ווערען אויף א לענגערע צייט.

ווי גרויס עס זאל ניט זיין א לאקאל אין א שטאדט, איז עס דאך מעגליך פאר די ארבייטער זיך צוזאמענקומען אמאל און צו ערוועהלען דירעקט זייערע פארשטעהער און בעאמטע. אבער ווען די לאקאלע יוניאנס פון א טרייד פעראייניגען זיך אין א נאציאנאלע פעדעראציאן, ווערט זאגאר דיזער דירעקטער אנטהייל פון די מיטגליעדער אין דער געשעפטספיהרונג פון דער ארגאניזאציאן אונמעגליך. זאגאר די פארשטעהער פון דער יוניאן קאנען זיך דאן ניט צוזאמענקומען זעהר אפט, און די פארם פון געשעפטספיהרונג מוז אננעהמען א מעהר אינדירעקטען חאראקטער. די לאקאלס ערוועהלען דעלעגאטען, וועלכע קומען זיך צוזאמען איין מאל א יאהר אדער איין מאל אין עטליכע יאהר צו בעטראכטען די אלגעמיינע פראגען פון דער יוניאן. דיזע דעלעגאטען בילדען די געזעצגעבענדע קערפערשאפט פון דער יוניאן. זיי ערוועהלען אן עקזעקוטיווע קאמיטע אנצופיהרען די געשעפטען פון דער ארגאניזאציאן. אבער דיזע קאמיטע פערזאמעלט זיך נאר פון צייט צו צייט, און אלע טאג־טעגליכע אנגעלעגענהייטען ווערען פערטרויט צו די נאציאנאלע בעאמטע, וועלכע די דעלעגאטען־פערזאמלונג ערוועהלט. די טרייד יוניאן ווערט אויף אזא אופן פערוואנדעלט אין א רעפרעזענטאטיווע דעמאקראטיע אויף דעם שטייגער פון דער הערשענדער פאליטישער ארדנונג אין די פעראייניגטע שטאטען. די מיטגלידער שטימען פאר דעלעגאטען, וועלכע מאכען געזעצע און וועלכע ערוועהלען עקזעקוטיווע אפיסערס, וועמענס אויפגאבע עס איז דיזע געזעצע דורכצופיהרען.

וואס גרעסער עס ווערט די ארגאניזאציאן פון די ארבייטער, אלץ מעהר צייט פאדערט זיך פאר דער געוועהנליכער געשעפטס־פיהרונג און עס ווערט אלץ וויכטיגער, אז א געניטער מענש זאל אנפיהרען די געשעפטען. מען דארף שרייבען און ענטפערען בריעף, פיהרען ביכער, נאכפאלגען דעם וואוקס און אבפאל פון דער מיטגלידערשאפט, א. ז. וו. די יוניאן פיהלט זיך געצוואונגען אנצושטעלען בעצאהלטע מענשען, וועלכע זאלען אוועקגעבען זייער גאנצע צייט פאר דער יוניאן. ווען די טהעטיגקייט

פון דער יוניאָן פערברייטעט זיך, דאַן ווערט די צאָהל פון אַזוינע מענשען אַלץ גרעסער. ווען אַ יוניאָן שליסט אַ קאָללעקטיווען אַג־רימענט מיט די ארבייטסגעבער, מוז זי אָנשטעלען ספּעציעלע דעלעגאַטען, וועמענס אויפגאַבע עס איז צו בעזוכען די שעפּער פון צייט צו צייט און צו זעהען, אַז די פּונקטען פון דעם אגריי־מענט ווערען אבגעהיט. עס איז אויך נויטיג, אַז דיזע דעלעגאטען זאָלען זיך זעהען מיט אַזוינע באָסעס, וועלכע האָבען ניט גע־חתמ'עט דעם אַגרימענט, און זיי בעאיינפלוסען, אַז זיי זאָלען צושטעהען צום אבמאַך. מען מוז אויך האָבען ספּעציעלע מענ־שען, וועלכע זאָלען אָנווענדען אַלע זייערע כחות צו אַגיטירען צווי־שען די ארבייטער גופא, צו אָרגאַניזירען די וועלכע בעלאַנגען נאָך ניט אין דער יוניאָן און צו פערשטארקען דעם גייסט פון יוניאָניזם צווישען די יוניאָן־מיטגליעדער גופא. מיט דער צייט וואַקסט אוים אַ גאַנצער קלאַס פון יוניאָן־בעאַמטע, פּרעזידענטען, סעקרע־טערע, טרעזשורערס, ביזנעס איידזשענטס, אָרגאַנייזערס א. ז. וו., וועלכע פיהרען אן די פערשידענאַרטיגע געשעפטען פון דער יוניאָן. אויף דער ערשטער שטופע פון דער טרייד־יוניאָן בעוועגונג, ווען די פּראָבלעמען טראַגען נאָך אַן איינפאַכען האראַקטער, קאָן כמעט יע־דער ארבייטער פערנעהמען אַ שטעלע אין דער יוניאָן. אָבער וואָס ווייטער ווערען די פאָדערונגען אַזוי קאָמפּליצירטער, אַז נור די פע־היגסטע ארבייטער זיינען אין שטאַנד אָנצופיהרען ריכטיג די יו־ניאָן־געשעפטען.

די פאָלגע רערפון איז דיזעלבע, וואָס אין יעדער־אינדירעקטער דעמאָקראַטיע. עס ענטוויקעלט זיך אַ פראַגע וועגען די בעציהונגען צווישען די בעאַמטע און די יוניאָן־מיטגליעדער, אָדער די פראַגע וועגען „פיהרער“ און „מאַסען“, וואָס וויכטיגער עס ווערען די אינטערעסען פון דער יוניאָן, אַלץ מעהר נויטיגט זי זיך אין געניטע בעאַמטע און אַלץ שטארקער ווערט די טענדענץ צו ערוועהלען אי־מער דיזעלבע מענשען. דאָס איז נאַטירליך, ווייל וואָס לענגער אַן ארבייטער דיענט דער יוניאָן אלס בעאַמטער, אַלץ בעסער פער־שטעהט ער זיין זאַך. חוץ דעם איז עס דער מנהג צו ערוועהלען די, וועלכע בעטהייליגען זיך מיט אינטערעס אין יוניאָן אנגעלע־גענהייטען און וועלכע האָבען די פעהיגקייט צו בעאיינפלוסען זיי־ערע מיטארבייטער. די יוניאָן־בעאַמטע ווידער מוזען מיט דער

צייט ענטוויקלען אַן אייגענע פסיכאָלאָגיע, וועלכע טהיילט זיי אב ביז א געוויסען גראַד פון די מאסען. ערשטענס, פיהלען זיי, אַז זיי זיינען דער אינטעליגענטסטער און טיכטיגסטער טהייל פון דער יוניאָן. זיי ענטוויקלען די געוואָהנהייט צו טהאָן אלעס פאַר דער יוניאָן אויף זייער איניציאַטיווע. אין פיעלע אנגעלעגענהייטען זיינען זיי געצוואונגען צו האַנדלען שנעל און מוזען זיך פערלאַזען אויף זייער אייגענעם פערשטאַנד. זיי הויבען אָן מיט דער צייט צו דיינקען, אַז זיי האַלטען די יוניאָן אויף די פיס און זיינען בערייט צו בעטראַכטען יעדע קריטיק און זעלבסטשטענדיגקייט פון די אַרבייטער אלס אַ שעדליכע זאַך פאַר דער אָרגאַניזאַציאָן. וואס מעהר זיי קומען אין בעריהרונג מיט די ארבייטס־געבער, אלץ געלאַסענער מוזען זיי ווערען אין זייערע האַנדלונגען. דאָס איז ניט דערפאַר ווייל זיי ווערען פערבלענדעט פון דעם גלאַנץ פון די קאַפיטאַליסטען. עס איז פשוט אונמעגליך אנצופיהרען יאָהר איין יאָהר אויס פערהאַנדלונגען מיט א געגנער און ניט ענטוויקלען דעם פערלאַנג צו קומען צו אַ פשרה. חוץ דעם די פעראַנטוואָרטליכקייט, וועלכע ליעגט אויף די יוניאָן־בעאַמטע צווינגט זיי צו זיין פאָרזיכטיג און אנצואווענדען אַלע מיטלען אָנצוהאַלטען שלום מיט די ארבייטס־געבער. נאַטירליך, פיהלען זיי, אַז יעדע העפטיגע אַגיטאַציאָן צווישען די ארבייטער ניט אין דער ריכטיגער צייט קאָן זיי שטערען. זיי הויבען אָן צו בעטראַכטען די יוניאָן־מאַסען פון דעם שטאַנדפונקט פון מענשען, וועלכע מיינען, אז זיי האַלטען דעם גאַנצען אמת אין זייערע הענד. זיי ערוואַרטען פון די יוניאָן־מיטגלידער געהאָרכזאַמקייט, טרייהייט און צופרידענהייט מיט זייערע האַנדלונגען.

גלייכצייטיג מיט דער שטרעבונג פון די בעאַמטע צו קאָנטראָלירען די יוניאָן, געהט אָן די טענדענץ פון די צענטראַלע קערפערשאַפטען צו צענטראַליזירען אין זייערע הענד די וויכטיגסטע פונקציעס פון דער יוניאָן. דאָס קומט פאָר אויף אַ גאַנץ נאַטירליכען אופן. ווען אַ לאָקאַלע טרייד־יוניאָן איז גאַנץ זעלבסטשטענדיג, קאָן זי צום ביישפיל, סטרייקען, ווען און ווי אַזוי זי וויל. אבער ווען אַזאַ לאָקאַל איז אַ טהייל פון אַ נאַציאָנאַלער טרייד־יוניאָן, דאַן איז די לאַגע אַ גאַנץ אַנדערע. אויב די נאַציאָנאַלע טרייד־יוניאָן דאַרף צאָהלען סטרייק־בענעפיטס, קאָן זי ניט ערלויבען יעדען לאַ־

קאל צו סטרייקען, ווען איהם פערגלוסט זיך און אויסצוליידיגען די קאָססע פון דער צענטראלער יוניאָן. עס איז אויך מעגליך, אַז אַ לאָקאלער סטרייק זאָל זיין אַ געפאהר פאר די קאָללעקטיווע פער־האַנדלונגען, וועלכע די נאַציאָנאַלע יוניאָן פיהרט אן מיט די אר־ביימס־געבער. אויך בנוגע צו קאָללעקטיווע אַגרימענטס איז די נאַציאָנאַלע יוניאָן געצוואונגען צו קאָנטראָליערען די לאָקאלע יו־ניאָנס. וואָרים אַ לאָקאל אין איין שטאָדט קאָן מאכען אַזוינע בע־דינגונגען, וועלכע זאָלען זיין שעדליך פאר דער יוניאָן אין אנדערע שטעדט. דאָס זעלבע איז ריכטיג אין בעצוג צו אַנדערע אַנגעלעגענ־הייטען. מיט דער צייט נעהמט די צענטראַלע אָרגאַניזאציאָן אין איהרע הענד די קאָנטראָלע איבער אַזוינע וויכטיגע אַנגעלעגענהיי־טען, ווי דאָס רעכט צו סטרייקען, די אנפיהרונג פון קאָללעקטיווע פערהאנדלונגען, דאָס רעכט צו אַרביטרירען א. ז. וו. נאַטירליך, קריגען דאביי די נאַציאָנאַלע בעאַמטע די מאַכט צו בעשטימען דעם כאַראַקטער פון דער יוניאָן.

געגען דיזער דאָפּעלטער טענדענץ פון אינדירעקטער דעמאָ־קראַטיע האָבען די יוניאָנס אָנגענומען אייניגע מיטעל, וועלכע גע־בען דער מאסע אַ געוויסע קאָנטראלע איבער דער פערוואלטונג. די וויכטיגסטע פון דיזע מיטלען זיינען דער רעפערענדום און די אי־ניציאַטיווע. דער רעפערענדום פאָדערט, אַז די יוניאָן־בעאַמטע זאָ־לען איבערגעבען יעדען וויכטיגען פארשלאג אויף אַ דירעקטער אב־שטימונג פון די מיטגלידער. אין פיעלע יוניאָנס ווערט דער רע־פערענדום יעצט אָנגעווענדעט אין אַלע וויכטיגע פראגען, צ. ב. אין דער ערקלעהרונג פון אַ סטרייק, אין דער שליסונג פון אן אב־מאַך א. ז. וו. אין פיעלע יוניאָנס ווערען אויך די בעאַמטע ער־וועהלט דורך אַ רעפערענדום. דאָס גיט די מיטגלידער א בעסערע מעגליכקייט אנצושטעלען מענשען, אין וועלכע זיי האָבען פולען צוטרויען. די איניציאַטיווע בעשטעהט אין דעם, וואָס אַ געוויסע צאָהל מיטגליעדער האָט דאָס רעכט צו מאכען אַ פאָרשלאָג און צו פאָדערען אַז דער פאָרשלאג זאָל אָבגעשטימט ווערען דורך אַ רע־פערענדום. די איניציאַטיווע איז נאָך ווענינ ענטוויקעלט אין די יוניאָנס אין דעם יעצטיגען מאָמענט. צו דער זעלבער צייט שטרע־בען די לאָקאלע יוניאָנס צו בעגרענצען אויף וויפיעל עס איז

נור מעגליך די צענטראַליסטישע טענדענצען פון די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציאָנען. די קאָנסטיטוציאָנען פון די יוניאָנס בעטראַכטען דיזע פּונקטען אַלץ דייטליכער און פּרובירען צו בעשטימען גענוי וואָס די צענטראַלע יוניאָן מעג טהאָן און וואָס זי טאָר ניט. עס איז דער זעלבער צופּאַסונגס־פּראָצעס צווישען צענטראַליזאַציע און דעצענטראַליזאַציע, וועלכער קומט פאָר אין אַ ברייטערען מאַסשטאַב אין דעם פּאָליטישען לעבען פון דעם דעמאָקראַטישען שטאַט.

דער רעפערענדום, און די איניציאַטיווע קענען האָבען אַ וויכּ־קונג נאָר דאַן, ווען די ארבייטער נעהמען אַן אַקטיווען אינטע־רעס אין יוניאָן־אַנגעלעגענהייטען, ווען ניט, קאָן אויך דער רע־פערענדום פערוואַנדעלט ווערען און אַ מיטעל, מיט וועלכען אַ קליינע מינאָריטעט קאָן זיך בענוצען צו בעשטימען די ריכטונג פון דער יוניאָן. מען מוז זיך אַלזאָ צוריקקעהרען צום פונדאַמענטאַלען פּונקט, אַז דער ערפאָלג און די ווירקונג פון דעם טרייד־יוניאָנזים הענגט אָב הויפּטזעכליך פון דער ענערגיע און אחדות פון די ארבייטער־מאַסען.

פינפטער קאפיטעל

טרייד־יוניאניזם און ארבייטער־געזעצגעבונג.

עקאנאמישע מעטאדען און געזעצגעבונג; קינדער און פרויען־ארבייט און דער שטאאט; די נויטווענדיקייט פון שוץ־געזעצען; די ווירקונג פון געזעץ אויף דער עקאנאמישער טהעטיגקייט פון די יוניאנס; די מעלות און חסרונות פון ארבייטער־געזעצגעבונג; דער טרייד־יוניאניזם און סאציאלע פערזיכערונגס־געזעצע.

אין דעם דריטען קאפיטעל האבען מיר בעטראכט די עקאנאמישע מיטלען, מיט וועלכע די ארבייטער קעמפפען פאר זייערע פאדערונגען. אין דער אנווענדונג פון דעם סטרייק אדער דעם באיקאט, אין דער איינפיהרונג פון ארביטריישאן א. ז. וו. האנדלען די ארבייטער אלס מיטגליעדער פון דעם עקאנאמישען ארגאניזם. זיי בענוצען זיך מיט זייער פעראייניגטער מאכט אלס פראדוצירער אדער קאנסיומערס. אבער פון אנפאנג אן האט דער טרייד־יוניאניזם אנערקענט, אז די עקאנאמישע מעטהאדען קאנען ניט אנגעווענדעט ווערען מיט ערפאלג אין אלע פעלע און אז די ארבייטער דארפען אויך אויסנוצען זייער פאליטישע מאכט אלס בירגער פון דעם שטאט צו פערבעסערען זייער עקאנאמישע לאגע.

דער איינפאכסטער פאל, וועלכער פאדערט, אז דער שטאאט זאל זיך אריינמישען, איז די ארבייט פון קינדער. די ענטוויקלונג פון מאשינען האט געשאפען א פלאץ אין דער אינדוסטריע פאר זעהר יונגע קינדער. אין דער ערשטער פעריאדע פון דער מאדערנער אינדוסטריע האט מען געקאנט געפינען אין די פאבריקען צארטע קינדער פיער אדער פינף יאהר אלט. זאגאר יעצט זיינען פאראן ערטער אין די פעראייניגטע שטאטען, וואו גאר יונגע קינדער פערברייגען די בעסטע יאהרען פון זייער קינדהייט אין דעם רויש און רעש פון די פאבריקען. פאר די קאפיטאליסטען, וועלכע זיינען פעראינטערעסירט אין דעם פינאנציעלען ערפאלג פון זייער אונטערנעהמונג, איז די ארבייט פון קינדער, ווי געוואונשען. זי איז ביליג און איז לייכט

צו קאָנטראָלירען. די קינדער קאָנען אויפפּאַסען אויף די מאַשינען אַזוי גוט, ווי עלטערע מענשען, און האָבען ניט קיין טבע צו זיין אונצופרידען און צו שטעלען בעדינגונגען.

די שולד פאַר דער ענטוויקלונג פון קינדער־אַרבייט ווערט אָפט אַרויפגעוואָרפען אויף די עלטערן. אבער דאָס איז ווייט פון דעם אמת. ערשטענס, בענוצען זיך די קאַפּיטאַליסטען מיט דער אַרבייט פון יתומים און פון קינדער, וועמענס עלטערן זיינען קראַנק אָדער פערקריפּעלט און קאָנען ניט אַרבייטען. צווייטענס, אין די מייסטע פעלע, וואו די אַרבייט פון קינדער ווערט געברויכט, זיינען די שכירות אַזוי קליין, אַז קיין דערוואַקסענער מענש וואָלט ניט געקאָנט מיט זיי דערהאַלטען זיין נשמה, שוין ניט ריידענדיג וועגען אויפ־האַלטען אַ פאַמיליע. דער אונטערנעהמער טהוט דאָס מיט דער כונה צו פערטרייבען די דערוואַקסענע פון זיין פאַבריק און צו צווינגען די קינדער. זיין אויפגאַבע איז צו מאַכען פּראָפיטען. אויב די קינדער זיך ניט רעכענען מיט די רעזולטאַטען, וועלכע דאָס קאָן האָבען פאַר די קינדער. אַרויפצוקומען צו דער אַרבייט. דער קאַפּיטאַליסט קאָן ווערען אַלט פאַר דער צייט ביי דער אַרבייט, אויב זיי פערלירען דעם מוטה און די לוסט צום לעבען, אויב זיי ווערען פיזישע און מאָראַלי־שע שוועכלינגע, דאָס איז ניט דעם אונטערנעהמער'ס דאגה. ער איז ניט זיין ברודערס שומר און געוויס ניט דער שומר פון פרעמדע קינ־דער. ער איז אונטער דעם דרוק פון אַן אַלגעמיינער קאָנקורענץ און קאָן אַנדערש ניט האַנדלען.

עס איז גאַנץ קלאָהר אַז דער טרייד־יוניאָניזם קאָן ניט קעמפ־פען מיט עקאָנאָמישע מיטלען געגען די איבלען פון קינדער־אַר־בייט. אין יענע אינדוסטריען, אין וועלכע די אַרבייט פון קינדער איז פערשפּרייט, איז זעהר שווער צו גרינדען יוניאָנס. קינדער ווי־דער קאָן מען ניט אָרגאַניזירען. ווען עס וואָלט זאָגאַר מעגליך געווען, וואָלט עס געווען אַן אונזין. עס וואָלט געהייסען אַנערקענען דאָס, וואָס מען וויל אבשאַפען. די אָרגאַניזירטע אַרבייטער פון אַנדערע טריידס קאָנען ווענינ שאַדען אונטערנעהמער, מיט וועלכע זיי קו־מען ניט אין דירעקטער בעריהרונג. דער קאַמפּף געגען די איבלען פון קינדער־אַרבייט האָט דעריבער געמוזט אננעהמען אַ גאַנץ אַנדע־רען כאַראַקטער. די אַרבייטער האָבען זיך געווענדעט צו דער רעגי־

רונג און האָבען געפאָדערט געזעצען צו בעשטימען דעם אלטער, ווען קינדער מעגען אָנהויבען ארבייטען, צו רעגולירען די שטונדען פון זייער ארבייט און צו פערבאָטען אלעס, וואָס קען שעדיגען דער פיזי־שער אָדער מאָראלישער ענטוויקלונג פון דעם קינד. אין דעם פאל פון קינדער האָט די גאנצע פילאזאפיע וועגען דער פרייהייט פון קאָנטראקט ניט געקאָנט האָבען דעם מינדעסטען זינען. א קינד איז ניט פריי צו פערהאנדלען וועגען וועלכער עס איז זאך, ווייל דאָס גע־זעץ אנערקענט עס ניט פאר א פערזאָן. דער שטאַט האָט אויך אי־מער געהאָט דאָס רעכט זיך צו מישען אין די בעציהונגען פון עלטערן און קינדער, ווען דער וואהלשטאנד פון דעם קינד האָט דאָס גע־פאָדערט. דער שטאַאט האָט דאריבער געמוזט זיך רעכענען מיט דער פאָדערונג צו רעגולירען די ארבייט פון קינדער און האָט געמוזט פאסען געזעצען פאר דיזען צוועק.

די לאגע פון דער פרוי אין דער אינדוסטריע איז אין געוויסע הינזיכטען עהנליך צו דער לאגע פון דעם קינד. די פרוי איז אויך אריינגעצויגען געוואָרען אין די מאָדערנע פאבריקען, הויפּטזעכליך דערפאר, ווייל איהר ארבייט איז ביליגער און ווייל זי האָט ניט קיין ווידערשטאנדס־קראפט. געוויס, אין אייניגע וויכטיגע הינזיכטען איז די לאגע פון דער פרוי גאנץ פערשידען. די פרוי איז ניט קיין צופעל־ליגער מענש אין דער אינדוסטריע. מען קאן זיך פארשטעלען א צייט, ווען קינדער־ארבייט זאל אין גאנצען פערשווינדען פון דער אינדוס־טריע. שוין יעצט זיינען פאראן שטאטען, וועלכע פאָדערן אז א קינד זאל ניט טאָרען ארבייטען, ביז עס ווערט זעכצעהן יאָהר אלט. דער אידעאל פון פיעלע געזעצגעבער איז צו בעפרייען יעדען מענשען פון ארבייט, ביז ער ווערט אכטצעהן יאָהר אלט. אבער פרויען־ארבייט איז געוואָרען א נויטווענדיגקייט אין דער מאָדערנער אינדוסטריע. אונטער קיינע אומשטענדען קאן מען זיך יעצט ניט פארשטעלען, אז די פרוי זאל אין גאנצען פערלאזען די פאבריק און זאל ווידער ווערען נור די הויז באלעבאסטע, ווי זי איז אמאל געווען. פערקעהרט, וואס ווייטער, אלץ ווניגער בלייבט דער פרוי צו טהאָן אין דער היים און אלץ מעהר מוז זי נעהמען אן אנטהייל אין דעם אלגעמיינעם לעבען. פון דער אנדערער זייט איז די פרוי אויך פעהיג צו אָרגאניזירען זיך ביז א געוויסען גראד און אנצופיהרען א קאמפף פאר איהרע פא־

דערונגען מיט עקאָנאָמישע מיטלען. די פרויען־אינדוסטריען האָ־בען בעוויזען ניט איין מאָל אַנצופיהרען גרויסע סטרייקס און צו שלי־סען קאָללעקטיווע אַגרימענטס מיט זייערע אונטערנעהמער. אין יענע אינדוסטריען, אין וועלכע די פרויען זיינען די מינדערהייט, וואָלטען זיי שוין אויך לאַנג געווען בעסער אָרגאַניזירט, ווען די מענער וואָל־טען זיי מיט מעהר חשק אַריינגענומען אין די יוניאָנס.

דאָך, מוז מען מודה זיין, אַז ביז יעצט האָבען די פרויען ניט בעוויזען קיינע בעזונדערע פעהיגקייטען צו קעמפפען אויף דעם עקאָ־נאָמישען באָדען. די קאַפּיטאַליסטען האָבען פיעל לייכטער זיי גע־קאָנט צווינגען צו אַרבייטען לאַנגע שטונדען און אונטער די ערגס־טע בעדינגונגען. אין די זאָגענאַנטע „סוועט־שעפּער" זיינען אימער געווען בעשעפטיגט פיעלע פרויען. אין די סטאָרס, אין די קענדי פעקטאָרים, אין די טעקסטיל־פאַבריקען, וואו די פרויען זיינען די מעהרהייט, צאָהלט מען די קלענסטע שכירות און מען אַרבייט אונ־טער דער שטרענגסטער דיסציפּלין. אין פיעלע פלעצער אַרבייטען די פרויען אונטער בעדינגונגען, וועלכע זיינען אַבסאָלוט שעדליך פאַר זייער געזונד. עס איז ניט איין מאָל בעוויזען געוואָרען, אַז פיעלע מאַשינען האָבען אַ שעדליכע ווירקונג אויף דעם קערפּער פון דער פרוי און פערקריפּלען זיי אויף אימער אַלס פרוי און מוטער.

די שוואַכקייט פון דער פרוי, איהר בעזונדערע לאַגע אין דער געזעלשאַפט אַלס מוטער, און איהר אונפעהיגקייט צו קעמפפען עקאָ־נאָמיש האָט געצוואונגען די אַרבייטער צו פאָדערען, אַז דער שטאַאַט זאָל זי בעשיצען פון די שעדליכע פאָלגען פון דעם פאַבריק־סיסטעם. די פריהעסטע אַרבייטער־געזעצען אין אַלע לענדער זיינען געווען די, וועלכע בעשרענקען די אַרבייטס־שטונדען ניט נור פון קינדער, נור אויך פון פרויען, און וועלכע בעשטימען מעהר גענוי די סאַניטאַרע בעדינגונגען, אונטער וועלכע זיי זאָלען אַרבייטען.

אָבער די פאָדערונג פון שוץ־געזעצע איז ניט בעשרענקט צו פרויען און קינדער. דער טרייד־יוניאָניזם האָט אויסגעפונען, אַז אויך אין דעם פאַל פון דערוואַקסענע מענער איז אָפט נויטיג, אַז דער שטאַאַט זאָל זיך אַריינמישען. טאָקע די טהעטיגקייט פון די יו־ניאָנס גופא רופט אַרויס דיזע נויטווענדיגקייט. עס איז פריהער פאַר אַלעמען נויטיג אַבצושאַפען אַלע געזעצען, וועלכע שטערען די אָר־

בייטער צו אָרגאַניזירען זיך און צו האַנדלען קאָלעקטיוו. אַזוינע געזעצען האָבען עקזיסטירט אויף דער ערשטער שטופע פון דעם פאַבריק־סיסטעם אין אַלע לענדער. אין ענגלאַנד זיינען די געזעצען געגען ארבייטער־פעראייניגונג אָבגעשאַפט געוואָרען אין 1824, אין פראַנקרייך — ערשט אין 1864. אין די פעראייניגטע שטאַטען האָבען די יוניאָנס געליטען פון קאָנספּיראַסי־געזעצען זאָגאַר נאָך דעם בירגער־קריעג. אָבער די אָבשאַפונג פון דיזע אַלטע געזעצען האָט אין ערגעץ ניט בעפרייט די יוניאָנס אין גאַנצען פון דעם דרוק פון פיינדליכער געזעצגעבונג. איבעראַל זיינען פון צייט אָנגעווענדעט געוואָרען נייע געזעצמיטלען, וועלכע האָבען געזאָלט דערשטיקען די טעטיגקייט פון די ארבייטער. די אַנווענדונג פון דעם „אינדזשאָנקשאָן" און די ערקלערונג פון באיקאָטס אלס אונגעזעצליך, זיינען בייספּיעלע, וועלכע זיינען נאָך פריש ביי אַלעמען אין זכרון.

אָבער חוץ דער נויטווענדיגקייט צו בעקעמפּפען פיינדליכע געזעצען, מוזען די טרייד יוניאָנס זיך בענוצען מיט דעם געזעץ כדי צו פערשטאַרקען זייערע עקאָנאָמישע מעטאָדען. דאָס געזעץ צ. ב. האָט אַ וויכטיגען איינפלוס אויף דער פּראַקטיק פון קאָלעקטיווע אַגרימענטס. ווען יעדער אַגרימענט וואָלט גע'חתמ'עט געוואָרן פון אַלע באָסעס אין אַ בעשטימטען טרייד, דאַן וואָלט די לאַגע ביז אַ געוויסען גראַד געווען אַנדערש. אבער דאָס קומט פאָר אין זעהר וועניגע טריידס. אין די מייסטע פעלע, זאָגאַר אין יענע צווייגען פון דער אינדוסטריע, אין וועלכע עס זיינען דאָ פעראייניגונגען פון ארבייטס־געבער (עמפּלאָיערס אססאָסיאיישאָנס) בלייבען פיעלע אונטערנעהמער גאַנץ אונאבהענגיג פון דעם אגרימענט. ווען דיזע אונאבהענגיגע אונטערנעהמער האָבען די מעגליכקייט צו צאָהלען קלענערע וויידזשעס, צו ארבייטען לענגערע שטונדען, אדער צו ארבייטען אונטער שלעכטע בעדינגונגען, וועלכע פערקלענערען זייערע אויסגאַבען, טהוען זיי דאָס זעהר גערן. זיי ווערען אויף אַזאַ אופן געפעהרליכע קאָנקורענטען פון די באָסעס, וועלכע האָבען זיך פערפליכטעט אונטער דעם קאָלעקטיווען אגרימענט צו בעזאָרגען די ארבייטער מיט בעסערע בעדינגונגען. דער אַגרימענט קאַן ניט אנגעהאַלטען ווערען, אויב די ארבייטער זיינען ניט אין שטאַנד אויסצוגלייכען די בעדינגונגען אין אַלע פאַבריקען. אויב די יוניאָן איז

שטארק און קאָנטראָלירט דעם גרעסטען טהייל פון די ארבייטער, קאָן זי פערבאטען די ארבייטער צו ארבייטען אין יענע שעפּער, וואו די בעדינגונגען זיינען ניט אין אנקלאנג מיט איהרע פאָדערונגען. אָבער געוועהנליך איז די יוניאָן ניט אין שטאנד דאָס דורכצופיהרען און איז שטענדיג אין געפאהר צו פערלירען איהר איינפלוס איבער'ן טרייד.

דאָס איז די אורזאכע, ווארום די טרייד־יוניאָנס האָבען שוין לאנג געפיהלט א בעדערפניס זיך ווענדען צום שטאַט, אז ער זאָל איינפיהרען גלייכע (יוניפאָרם) בעדינגונגען אין דער אינדוסטריע. א געזעץ האָט די מעלה, וואָס עס איז נוגע אלעמען. ווען א געזעץ ווערט דורכגעפיהרט, מוז יעדער פאבריקאנט דאָס פאָלגען, צו ער האָט אַן אגרימענט מיט זיינע ארבייטער צו ניט. דאָס געזעץ האָט געוועהנליך אויך די מעלה, וואָס עס בעציהט זיך ניט נור אויף איין שטאָדט, נור אויף א גאנץ לאנד. די טרייד־יוניאָנס מוזען אמאָל אנערקענען לאָקאלע דיפערענצען אין זייערע אגרימענטס. זאגאר אין די עטליכע טריידס, וואו די ארבייטער און ארבייטס־געבער מאכען אַן אגרימענט פאר'ן גאנצען לאנד, ווערען די בעדינגונגען אפט בע־שטימט פאר יעדען ארט בעזונדער. די ארבייטער פון איין שטאָדט קאָנען קריגען בעסערע בעדינגונגען, ווי די ארבייטער פון אַן אנ־דער שטאָדט. דאָס געזעץ אבער איז איינהייטליך און שאפט גלייכע בעדינגונגען ניט נור פאר א טרייד, נור פאר דער גאנצער אינדוס־טריע, און ניט פאר א ספּעציעלען ארט, נור פאר'ן גאנצען לאנד. געווים, אין פיעלע פעלע מאכט דאָס געזעץ אויך אויסנאהמען. און אין אַמעריקא איז די ווירקונג פון א געזעץ געוועהנליך בעשרענקט נור אויף איין סטייט. דאָך האָט דאָס געזעץ אין אלגעמיין די טענ־דענץ צו שאפען איינהייטליכע בעדינגונגען. אין די מייסטע סטייטס עקזיסטירען יעצט געזעצע, וועלכע בעשטימען גענוי וויפיעל פלאַץ יעדע פאבריק זאָל פערנעהמען, ווי ליכטיג עס זאָל זיין, וויפיעל טהי־רען, פייער־עסקייפּס, וויפיעל מאָל א מאָנאט שכירות זאָלען אויס־געצאָהלט ווערען א. ז. וו. פאר אייניגע אינדוסטריען, אין וועלכע עס זיינען פאראן ספּעציעלע בעדינגונגען, צ. ב. אין מייניננ, זיינען דאָס ספּעציעלע געזעצען, וועלכע רעגולירען די ארבייט אויף דעם אויס־פיהרליכסטען אופן.

דאָס געזעץ האָט נאָך א מעלה. עס בעשטימט בעדינגונגען אויף

אַ דויערהאַפטען אופן. געוויס, א געזעץ קאָן אָבגעשאַפט ווערען אָדער
קאָן ווערען צו גאָרנישט דורך אַן אַנדער געזעץ. אבער אין אַלגעמיין
האָט יעדעס געזעץ דעם כאַראַקטער פון אַ דויערנהאַפטען מיטעל. אַ
פּריוואַווילינער אבמאַך, זאגאר ווען ער איז אויף אַ בעשטימטע צייט,
איז שטענדיג אין געפאַהר. יעדע מיספערשטענדניס צווישען ארביי־
טער און באַסעס, יעדע נייע אינדוסטריעלע ענטוויקלונג קאָן איהם
אין גאַנצען בטול מאַכען. די ארבייטער דאַרפען אימער זיין בער־
רייט אנצוהויבען דעם קאַמפּף פון דאָס ניי, וואָס זיי האָבען שוין
געהאַט אויסגעקעמפּפט. דאָס געזעץ, פערקעהרט, שאַפט א סטענ־
דערד, אַ מאָס, וועלכעס ווערט אַ טהייל פון דעם געזעלשאַפטליכען
בעוואוסטזיין און קאָן ניט אזוי לייכט אויסגעמעקט ווערען. די
טרייד־יוניאָנס האָבען דאריבער אָפט געפאָדערט די געזעצליכע
אַנערקענונג פון בעדינגונגען, וועלכע זיי האָבען שוין געהאַט געוואו־
נען דורך אַן עקאָנאָמישען קאַמפּף.

אָבער עס זיינען דאָ פּראָבלעמען, וועלכע דער טרייד־יוניאָניזם
האָט זיך ערקלעהרט גאַנץ אונמעכטיג צו לייזען מיט עקאָנאָמישע
מיטלען. דאָס זיינען די פּראָבלעמען פון דעם ארבייטס־לעבען,
וועלכע מען קאָן בעצייכנען אלס אונזיכערהייטס־פּראָבלעמען. נעמ־
ליך, די פראגען וועגען ארבייטס־צופעלע, ארבייטסלאָזיגקייט און
ארבייטס־אונפעהיגקייט אין די עלטערע יאָהרען. פיעלע יוניאָנס
האָבען פערזוכט צו בעהאַנדלען דיזע פראגען זעלבסטשטענדיג. זיי
האָבען איינגעפיהרט ספעציעלע איינצאהלונגען פאר דיזע צוועקען
און צאָהלען אויס געוויסע סומען צו זייערע מיטגליעדער אין דעם
פאַל פון אַן אונגליק אָדער ווען ער קאָן ניט געפינען קיין ארבייט.
אָבער אַלע דיזע פערזוכע זיינען זעהר אונבעדייטענד. זאגאר די
גרעסטע און שטאַרקסטע יוניאָנס האָבען ניט די מיטלען צו אָרגאַ־
ניזירען דיזע הילפס־אינסטיטוציאָנען אויף אַ געהעריגען פונדאַ־
מענט. די צאָהל ארבייטס־צופעלע איז צו גרויס און די ארבייטס־
לאָזיגקייט איז צו לאַנג. ווען די יוניאָנס וואָלטען געוואָלט אויסגעבען
די סומען, וועלכע פאָדערען זיך פאר דיזע צוועקען, וואָלטען זיי ניט
געקאָנט לאַנג עקזיסטירען.

חוץ דעם, דער פּרינציפּ, אויף וועלכען דיזע טהעטיגקייט איז
בעגרינדעט, פאָדערט, אַז עס זאָלען זיך אין איהם בעטהייליגען

וואס מעהר מענשען. עס איז נעמליך, דער פרינציפ פון פערזיכערונג, דער זעלבער פרינציפ, אויף וועלכען ארדענס און אינשורענס־קאמפאניעס זיינען געבויט, די ארבייטער פערלאזען זיך דארויף, אז נור א געוויסע צאהל אונגליקס־פעלע וועלען פארקומען דורכ'ן יאהר און נור א געוויסע צאהל ארבייטער וועלען ארומגעהען לעדיג צוליעב פערשידענע אורזאכען. יעדער ארבייטער בעזונדער איז אין געפאהר צו ליידען פון אן אונגליק אדער פון ארבייטסלאזיגקייט און איז אליין ניט אין שטאנד אריבערצוטראגען די עקאנאמישע פאלגען דערפון. אבער ווען א גרופע ארבייטער פעראייניגען זיך און נעהמען אויף זיך די פליכט צו ליידען דעם עקאנאמישען שאדען, דאן קאנען זיי עס גאנץ לייכט טאהן. נאטירליך, וואס גרעסער די גרופע, וועלכע נעהמט אויף זיך די אויפגאבע, אלץ לייכטער איז עס פאר יעדען איינצעלנען מיטגליעד בייצוטראגען זיין חלק. דאס איז ספעציעל ריכטיג, ווען אין דער גרופע געהען אריין אויך מענשען, וועלכע זיינען גארניט אין געפאהר פון דער ריזיקע, וועלכע דראהט דעם ארבייטער. צום ביישפיל, ווען די פערזיכערונג געגען ארבייטס־צופעלע ווערט בעזארגט ניט נור פון די ארבייטער, נור פון אלע בירגער, א גרויסער טהייל פון וועלכע בעלאנגט צו דעם ניט־ארבייטענדען טהייל פון דער געזעלשאפט, דאן איז די לאסט פון דער אויפגאבע צושפרייט איבער פיעלע פלייצעס, און יעדען איינעם איז גרינגער צו טראגען זיין חלק.

די ארגאניזירטע ארבייטער האבען דאריבער אין די לעצטע פופצעהן־צוואנציג יאהר איבעראל געפאדערט פון דעם שטאט ספעציעלע פערזיכערונגס־געזעצע געגען ארבייטער־צופעלע, ארבייטסלאזיגקייט, קראנקהייט א. ז. וו. אין מייסטע ציוויליזירטע לענדער זיינען אזוינע געזעצען שוין דורכגעפיהרט געווארען, אבער זיי זיינען נאך ווייט ניט צופרידענשטעלענד. די פעראייניגטע שטאטען, איבערהויפט, זיינען זעהר הינטערשטעליג אין דיזער הינזיכט. די טרייד יוניאנס אין אלע לענדער שטעלען זיך דאריבער די אויפגאבע צו פערבעסערן דיזע געזעצע. דיזע פאדערונג בילדעט יעצט איבעראל א וויכטיגען טייל פון דער אלגעמיינער ארבייטער־געזעצגעבונג וועלכע דער טרייד־יוניאניזם שטרעבט צו פערווירקליכען.

דער טרייד־יוניאניסטישער פראגראם פון אן אלגעמיינער אר־

בייטער־געזעצגעבונג ענטהאלט אין זיך אַן אייגענאַרטיגען בעגריף וועגען דער ראָלע פון'ם שטאַט. די ענטוויקלונג פון דעם מאָדערנעם פאבריק סיסטעם האָט מיט זיך מיטגעבראכט די לעהרע וועגען שטאַאַט, וועלכע איז בעקאנט אונטער דעם נאָמען „לעסיי פעיר“ — „לאָז טהון“. דער גרונד־געדאנק פון דיזער לעהרע איז בעשטאַנען אין דעם, אַז דער שטאַאַט דאַרף זיך אבסאָלוט ניט מישען אין דעם אינדוסטריעלען לעבען. דער שטאַאט דאַרף נור פערזיכערען דאָס לעבען און דאָס אייגענטהום פון די בירגער. ער דאַרף דיענען אַלס פּאָליסמאַן געגען די אינעווענינגסטע שונאים און אלס סאָלדאט געגען אַן אויסלענדישען פיינד. ער דאַרף ספּעציעל בעוואכען דאָס אייגענטהום, וועלכעס איז אין אַלע קאָנסטיטוציאָנען און פרייהייטס־דעקלאראציאָנען פון יענער צייט ערקלעהרט געוואָרען אלס א פונדאמענטאלעס רעכט פון מענשען. דער שטאַאַט האָט זיך ניט געדאַרפט מישען אין די עקאָנאָמישע בעציהונגען פון די בירגער. דאָס וואָלט געהייסען, אַז דער שטאַאט שטערט דער פרייהייט פון ארבייט און פון קאָנטראקט. די פערטהיידיגער פון דיזער טהעאָריע האָבען געגלויבט, אַז די פרייהייט פון יעדען איינצעלנעם צו האנדלען ווי ער וויל אויף דעם עקאָנאָמישען געביעט, מוז פיהרען צו אַלגעמיינע הארמאָניע און צופרידענהייט.

געגען דיזער טהעאָריע האָבען די ארבייטער געהאט צו קעמפּפען אין זייערע בעמיהונגען אויסצונוצען די געזעצגעבונג פאר זייערע צוועקען. צוערשט איז דער קאמפּף געווען זעהר שווער. אבער די ארבייטער האָבען ביסלעכווייז אויפגעדעקט די אינערליכע ווידערשפּריכען און די נארעריי פון דער „לעסיי פעיר“ טהעאָריע און האָבען געצוואונגען דעם שטאַאַט נאָכצוגעבען זייערע פאָדערונגען. אויף אַזאַ אופן האָבען די אָרגאַניזירטע ארבייטער שטופּענווייז ענטוויקעלט די אידעע, אַז דער שטאַאַט דאַרף ניט פערבלייבען אין דער נעגאַטיווער ראָלע פון „לאָזען אַלעם צורוה“, נור דאַרף נעהמען אויף זיך די פּאזיטיווע אויפגאבע צו רעגולירען דאָס אינדוסטריעלע לעבען אין אנקלאַנג מיט די בעדערפניסע פון דעם אַרבייטער, אין אַלע לענדער האַנדעלט יעצט די רעגירונג מעהר אָדער ווייניגער אין אנקלאַנג מיט דיזען געדאנק, אבוואָהל די ארבייטער מוזען שווער קעמפּפען פאר יעדען נייעם געזעץ, וועלכער קאַן פערבעסערען זייער לאַגע.

די מעטהאָדען, וועלכע דער טרייד־יוניאָניזם געברויכט אין דעם קאמפף פאר גוטע ארבייטער־געזעצע, בייטען זיך פון צייט צו צייט און פון איין לאַנד צום אנדערען. עס איז געווען א צייט, ווען די טרייד־יוניאָנס האָבען הויפּטזעכליך געפּרופט צו בעאיינפלוסען די געזעצגעבענדע קערפּערשאַפטען דורך אגיטאַציאָנס־מיטלען. זיי האָבען אראנזשירט מיטינגען, געפאסט רעזאָלוציאָנען, אָפטמאָל ארראנזשירט גאסען־דעמאָנסטראציעס צו צייגען דער רעגירונג, אז זיי זיינען פעסט בעשלאָסען צו בעקומען, וואָס זיי ווילען. ביז אַ געוויסען גראד זיינען דיזע מיטלען נאָך גינסטיג היינט צו טאָג. אבער זיי שפּילען יעצט א קלענערע ראָלע, ווי אמאָל, און דינען נור אלס הילפס־מיטעל אין צוזאמענהאנג מיט אַנדערע מעטהאָדען.

דאָס פּאָליטישע לעבען פון א לאַנד איז יעצט אזוי קאָמפּליצירט, אז עס וואָלט געווען אונמעגליך פאר די ארבייטער צו בעאיינפלוסען די פערשידענע געזעצגעבענדע קערפּערשאַפטען, ווען זיי בען אין אָנקלאנג מיט די בעדערפניסען פון דעם ארבייטער. אין אלע וואָלטען ניט געשאַפען ספּעציעלע מיטלען דערפאר. דער טרייד־יוניאָניזם האָט אויסגעארבייט צוויי הויפּט־מעטהאָדען פאר דיעזען צוועק. דער ערשטער איז די פּאָליטישע פּארטיי, וועלכע האָט די אויפגאבע צו דינען ספּעציעל די אינטערעסען פון די ארבייטער. ווען דער טרייד־יוניאָניזם נעהמט אָן דיזע מעטאָדע, בענוצט ער זיך מיט דער אייניגקייט, וועלכע ער האָט פריהער געשאַפען אויף דעם עקאָנאָמישען געביעט. די טרייד־יוניאָנס שפּילען אין צייט פון די וואַהלען די ראָלע פון פּאָליטישע קלובס, וועלכע פיהרען אן די נויטיגע פּראָפּאגאנדא פאר די קאנדידאטען פון די ארבייטער. די בעדייטונג פון דיזער מעטאָדע בעשטעהט אין דעם, וואָס די ארבייטער טהיילען זיך אב אויף פּאָליטיש פון אנדערע גרופּען און קלאַסען און ערקלעהרען, אז נור מיטגלידער פון זייער אייגענעם קלאַס קאָנען זיי דיענען געטריי און אויפריכטיג. די פּאָליטישע ארבייטער פּארטיי שטעלט ארויס נור ארבייטער אלס קאַנדידאטען און פּאָדערט אויף די ארבייטער פאר זיי צו שטימען. די פּארטיי איז דאריבער אייגענטליך אן אנווענדונג פון טרייד־יוניאָניסטישע אידעען אויף דעם פּאָליטישען געביעט.

די פּאָליטישע ארבייטער־פּארטיי, אלס מיטעל צו געווינען די נויטיגע ארבייטער־געזעצען, האָט זיך ענטוויקעלט הויפּטזעכליך אין

ענגלאנד. אין די פעראייניגטע שטאַטען זיינען פון צייט צו צייט ערשינען פּאָליטישע ארבייטער פּארטייען, אבער זיי האָבען ניט געהאט קיין קיום. עס זיינען דארויף פאראן פיעלע אורזאכען. ערשטענס, איז דאָס פּאָליטישע לעבען פון אַמעריקא צוטהיילט צווישען אכט און פירציג סטייטס. די וויכטיגסטע געזעצען פאר'ן ארבייטער זיינען אונטער דער מאכט פון דער סטייט־רעגירונג און צו אָרגאַניזירען אַ נאַציאָנאלע ארבייטער פּארטיי, וועלכע זאָל קענען ווירקען אין אָלע אכט און פערציג סטייטס איז ניט אַזוי לייכט, בפרט נאָך אז אין יעדען סטייט איז די לאַגע פערשידען און די ארבייטער פון איין סטייט וואָלטען גאָר ווייניג געקאָנט העלפען די ארבייטער פון אַן אַנדערען. צווייטענס, איז אין די מוחות פון די אָפּיציעלע יוניאָן־פיהרער און טיילווייז אויך פון די מאַסען איינגעוואָרצעלט געוואָרען די מיינונג אַז עס איז פיעל לייכטער יעצט פאר די ארבייטער צו בעקומען אַ טהייל פון זייערע פאָדערונגען דורך דער אָדער יענער פון די גרויסע פּאָליטישע פּארטייען. די טרייד־יוניאָניסטען — טענה'ן זיי — זיינען אין קיין סטייט ניט די מאַיאָריטעט אַ גרויסער טהייל פון די יוניאָן־מיטגליעדער זיינען זאגאר ניט קיין בירגער און האָבען ניט דאָס רעכט צו שטימען. ווען די טרייד־יוניאָנס וואָלטען זיך אָרגאַניזירט פּאָליטיש און וואָלטען געפּרובט דורכצופיהרען זייער פּראָגראַם מיט זייערע אייגענע קרעפטען, וואָלטען זיי אין גאַנצען דורכגעפאַלען. פערקעהרט, ווען זיי פערהאַנדלען מיט די הערשענדע פּארטייען, האָבען זיי מעהר שאַנסען צו קריגען וואָס זיי פאָדערען. אין פיעלע ערטער האלטען די ארבייטער אין זייערע הענד דעם „באַלאַנס אָוו פּאַוער", ד. ה. זייערע שטימען קאָנען ענדערען דעם רעזולטאַט פון דער וואהל. עס לוינט זיך דאריבער דער אָדער יענער פּארטיי צו אינדאָרסירען אַ געוויסע פאָדערונג פון די אַרבייטער אבי צו געווינען די עלעקשאָן מיט דער הילף פון זייערע שטימען. אַ דריטע אורזאַכע איז די פּאָליטישע פּסיכאָלאָגיע פון די פעראייניגטע שטאַאטען. דער אַמעריקאַנער ארבייטער, ווי יעדער אַמעריקאַנער, איז דורכגעדרונגען מיט אַ טראַדיציאָנעלען גייסט אין זיינע פּאָליטישע האנדלונגען. ער איז טריי צו דער פּאַרטיי, צו וועלכער ער האָט זיך צוערשט אנגעשלאָסען אָדער צו וועלכער זיין פּאָטער האָט אמאָל בעלאָנגט. דאָס ערקלעהרט זיך דורך פערשידענע

היסטארישע ערשיינונגען, וועלכע עס איז דא ניט דער פלאץ צו בעטראכטען.

דיזע אלע אומשטענדען האבען געפיהרט דערצו, וואס דער אמעריקאנער טרייד־יוניאניזם פערווארפט די אידעע פון א ספעציע־לער ארבייטער פארטיי. דער רוף פון די אמעריקאנער טרייד־יו־ניאנס פאר די לעצטע דרייסיג יאהר איז: „נא פאליטיקס אין די יוניאן". די אמעריקאנער ארבייטער האבען מורא, אז פאליטישע ויכוחים וועלען פיהרען צו סכסוכים און וועלען זיך ענדי־גען מיט א שפאלטונג אין דער יוניאן. פאר זיי בלייבט איבער די אנדערע מעטאדע, נעמליך, אנצואווענדען אלע מיטלען כדי צו בע־איינפלוסען די הערשענדע בירגערליכע פארטייען, נאכצוגעבען די פאדערונגען פון די ארבייטער.

אין עצם איז די צווייטע מעטאדע נור א געוויסע מאדיפיקא־ציע פון דער ערשטער. די טרייד־יוניאניסטען פאדערען פון דער דע־מאקראטישער אדער רעפובליקאנישער פארטיי געוויסע געזעצען אויף דעם סמך, אז זיי וועלען דערפאר בעצאהלען מיט ארבייטער שטימען. די ארבייטער קאנען בעלוינען אדער בעשטראפען די אדער יענע פארטיי נור דערמיט, וואס זיי וועלען אדער שטימען פאר איהרע קאנדידאטען אדער זיי נידערשטימען. דאס הייסט, אז דיזע מעטאדע איז אויך בעגריגדעט אויף דער פאליטישער און עקאנאמי־שער סאלידאריטעט פון די ארגאניזירטע ארבייטער. אבער זי ציהט ניט דיזעלבע סאציאלע שליסע, ווי די ערשטע מעטאדע.

די מעטאדע פון דעם אמעריקאנעם טרייד־יוניאניזם, וועלכע בעשטעהט אין דעם שטרעבען צו בעאיינפלוסען די בירגערליכע פאר־טייען, פאדערט א גאנץ קאמפליצירטען מעכאניזם פאר דיזען צוועק. עס איז נויטיג צו פערפאלגען די טהעטיגקייט פון די געזעצגעבענדע קערפערשאפטען, סיי אין די סטייטס, סיי אין וואשינגטאן. מען דארף אימער זיין בערייט צו פערהאנדלען מיט די געזעצגעבער סיי וועגען א געזעץ, וועלכער קאן זיין שעדליך פאר די ארבייטער, סיי וועגען א נייעם געזעץ, וועלכען די ארבייטער ווילען דורכפיהרען. דיזע מעטאדע האט דאריבער געפיהרט צו דער ענטוויקלונג פון דער „ארבייטער לאבבי", ד. ה. פון ספעציעלע קאמיטעס, וועלכע פער־ברייננגען זייער צייט אין די הויפט שטעדט פון די סטייטס און אין

וואשינגטאן, נאכפאלגענדיג די געזעצגעבענדע טהעטיגקייט פון די פארטייען, דיפערענדיג זיך מיט די פערשידענע פאליטישענס. די צענטראלע קאמיטעס פון די פערשידענע סטייט פעדערייטשאנס און לייבאר און דער עקזעקוטיווער קאונסיל פון דער אמעריקאן פעדערעישאן און לייבאר שפילען אייגענטליך די ראלע פון שטענדיגע לאבבים.

די פאליטישע מעטאדען פון דעם טרייד־יוניאניזם האבען חסרונות, וועלכע פערמינדערען אין א געוויסער מאס די מעלות, זועלכע מיר האבען פריהער דערמאהנט. ערשטענס, דויערט עס זעהר לאנג דורכצופיהרען א געזעץ. צעהנדליגע יאהרען געהען אמאל פערביי ביז די קלענסטע פערבעסערונג קאן עררייכט ווערען דורכ'ן געזעץ. דער מעכאניזם פון געזעצגעבונג איז אזוי קאמפליצירט, אז עס איז אפטמאל מעגליך צו פאסען א געזעץ און צו דער זעלבער צייט איהם מאכען צו גארנישט: די פאליטישענס זיינען בריות אויף אזוינע מעשות און א „דזשאוקער" אין א געזעץ איז פאר זיי א גאנץ לייכטע זאך. צווייטענס, איז די דורכפיהרונג פון א געזעץ איינע פון די שווערסטע אויפגאבען. מיר האבען יעצט פיעלע גוטע געזעצען אין מייסטע סטייטס. אבער זיי בלייבען א טויטע בוכשטאב דערפאר, ווייל די, וועלכע זיינען בעאויפטראגט זיי דורכצופיהרען, טהוען ניט זייער זאך אויפריכטיג. די אינדאסטריאל קאמישאן, וועלכע האט מיט א קורצער צייט צוריק פערעפענטליכט איהר בעריכט, בעהויפטעט, אז דאס איז איינע פון די וויכטיגסטע אורזאכען פון ארבייטער אונרוהען אין לאנד.

דיזע בעטראכטונגען צווינגען די ארבייטער צו געברויכען די מעטאדע פון געזעצגעבונג נור דאן, ווען עס איז אבסאלוט נויטיג און צו פערלאזען זיך אין אלע אנדערע פעלע אויף זייערע עקאנאמישע מיטלען. אפטמאל איז דער טרייד־יוניאניזם ניט זיכער, וועלכער וועג איז דער בעסטער און שנעלסטער. אלס ביישפיל קאן דיענען די יעצטיגע דיסקוסיאן אין דער אמעריקאנער ארבייטער בעוועגונג וועגען דעם אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאג. א בעדייטענדער טייל פון די ארבייטער פאדערען, אז די רעגירונג זאל פאסען א געזעץ פאר אן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאג. אבער די מאיאריטעט איז יעצט געגען דעם אויף דעם גרונד, אז די ארבייטער פון יעדען טרייד, קאנען געווינען דעם אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאג פאר זיך זעלבסט

דורך אַן עקאָנאָמישען קאַמפף. אַזאַ מיינונגס־פערשידענהייט ערקלעהרט זיך הויפּטזעכליך דערמיט, וואָס די לאַגע אין די פערשידענע טריידס איז גאַנץ פערשידען. אין איינינע גוט־אָרגאַניזירטע טריידס זיינען די עקאָנאָמישע מיטלען זעהרווירקזאַם; אין אַנדערע טריידס זיינען די אויסזיכטען פאַר אַן עקאָנאָמישען קאַמפף ניט אַזוי גלענצענד.

זוי אָפט און פערשידענאַרטיג די אַרבייטער זאָלען ניט אַנווענדען זייערע קרעפטען צו בעאיינפלוסען די געזעצגעבונג פון לאַנד, בלייבט דאָך די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן דער פונדאַמענט פון זייער טהעטיגקייט. אויך דער ערפאָלג פון דער אַרבייטער־געזעצגעבונג הענגט אָב פון דער עקאָנאָמישער מאַכט פון די אַרבייטער. די וויכטיגסטע אויפגאַבע פון די אַרבייטער איז דאַריבער צו פערפעסטיגען זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, אויפבויען זייער אָרגאַניזאַציאָן און צו ענטוויקלען דעם געפיהל פון אחדות. דאָס איז דער עצם פון דעם טרייד־יוניאָניזם אין אַלע זיינע פערצווייגונגען.

זעקסטער קאַפּיטעל

טרייד־יוניאַניזם, אינדאַסטריאַליזם און סאָציאַליזם.

די לאָקאַלע פעראייניגונג; די נאַציאָנאַלע טרייד־יוניאָן; שטאָדטישע סענטראַל יוניאָנס; די טענדענץ צו אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציאָן; די פּרימיטיווע דעמאָקראַטיע פון קליינע יוניאָנס; דער וואוקס פון דעם טרייד־יוניאַניזם און די ענדערונגען אין זיין סטרוקטור; רעפּרעזענטאַטיווע דעמאָקראַטישע איינריכטונגען און דער טרייד־יוניאַניזם; מאַסען און פיהרער; דער רעפערענדום און די איניציאַטיווע.

כמעט א גאַנצער יאהר־הונדערט איז פאַראיבער זינט דער מאָדערנער טרייד־יוניאַניזם האָט אָנגעהויבען בויען זיין טעאָרעטישען און פּראַקטישען בנין. די ארבייט איז געווען זעהר אַ שווערע און פיעלע מאָל אין דעם משך פון די הונדערט יאָהר האָט עס אויסגעזעהן, אַזוי ווי די גאַנצע פּראַצע וואָלט געווען אומזיסט. ניט איין מאָל האָבען די שטורמען פון דער אינדאַסטריעלער וועלט פערטראָגען דאָס ביסעלע, וואָס דער טרייד־יוניאַניזם האָט יאהרענלאַנג און מיט גרויסע מיהע געבויט. ניט איין מאָל האָבען גרויסע טראַגישע פּאַסירונגען צעטרייסעלט די סאַמע יסודות פון דער טרייד־יוניאָניסטישער געביידע. אָבער די ארבייטער האָבען זיך אימער צוריקגעקעהרט צו דער ארבייט מיט דעם זעלבען מוטה און געדולד. זיי האָבען מיט פרישע קרעפטען בעפעסטיגט די אַלע יסודות, צורעכט געמאַכט דאָס צערשטערטע און אָנגעגאַנגען ווייטער מיט זייער בויענדער אַרבייט. נור אַ דאַנק דיעזער ענטשלאָסענהייט און אונערמידליכער ארבייט איז דער טרייד־יוניאַניזם געוואָרען דאָס, וואָס ער איז יעצט — אַ גרויסע אַלוועלטליכע אָרגאַניזאַציאָן מיט מיליאָנען מיטגליעדער, מיט וויכטיגע איינריכטונגען, מיט גרויסע קאַפּיטאַלען און אַ טיעפען איינפלוס אויף דעם עקאָנאָמישען לעבען פון דעם ארבייטער.

דאָך זאָגאַר יעצט איז דער בנין פון דעם טרייד־יוניאַניזם ניט אין גאַנצען פערענדיגט און ניט אין גאַנצען געזיכערט פון יעדער געפאַהר, פון איין זייט, האָט ער נאָך אַלץ אויסצושטעהן אַ שווערען

קאַמפּף געגען זיינע שונאים. אַבוואָהל אַ בעדייטענדער טהייל פון דער אינדאַסטריעלער וועלט האָט אַנגענומען זיינע גרונד־אידעען, זיינען דאָך מעהרערע מעכטיגע שיכטען פון די אַרבייטס־געבער ביטערע געגנער פון דעם טרייד־יוניאָניזם. דיעזע אַרבייטסגעבער זיינען פעראייניגט אין גרויסע פערבאַנדען (אַסאָסיאיישאָנס), וועל־כע שטעלען זיך די אויפגאַבע צו בעקעמפּפען דעם טרייד־יוניאָניזם אויף דעם העפטיגסטען אופן. אין געלט איז קיין מניעה ניט. דיעזע אַרבייטסגעבער זיינען בערייט אויסצוגעבען מיליאָנען דאָלאַר אַבי צו צוברעכען די יוניאָנס און צו דערשטיקען יעדען סמן פון סאָלידאַ־רישער האַנדלונג צווישען די אַרבייטער. געגען דיעזע שונאים איז דער טרייד־יוניאָניזם נאָך געצוואונגען אַנצואווענדען אַ גרויסען טהייל פון זיינע קרעפטען אין זעלבסט־שוטץ.

אָבער אַ פיעל וויכטיגער פּראָבלעם דראָהט דעם טרייד־יוניאָ־ניזם פון אַ גאַנץ אַנדער זייט, אָדער ריכטיגער פון זיינע אייגענע רייהען, אַרבייטער גופא שטעלען פאַר איהם פראַגען, וועלכע ער קען ניט אַזוי לייכט פערענטפערען. דאָס זיינען ניט פראַגען וועגען דער נויטווענדיגקייט פון אָרגאַניזאַציאָן אָדער ווירקזאַמקייט פון געמיינשאַפטליכער האַנדלונג, מיט דעם זיינען דיעזע אַרבייטער אין גאַנצען איינפערשטאַנען. די פראַגען, וועלכע זיי שטעלען, געהען אַ ביסעל ווייטער, זיי פרעגען, צו איז דער טרייד־יוניאָניזם די פּאַ־סיגע פאָרם פון אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע קען דערגרייכען דעם געוואונשטען רעזולטאַט און צו זיינען זיינע אידעען אַ ריכטיגער ענטפער אויף די פראַגען פון דעם אַרבייטער־לעבען. פון דעם שטאַנדפּונקט פון דיעזע אַרבייטער ליעגט די צרה ניט אין דעם, וואָס דער טרייד־יוניאָניזם איז אַ פּראָטעסט געגען דער פרייהייט פון קאָנטראַקט און געגען די רעכטע פון פּריוואַט אייגענטהום, נור פערקעהרט, אין דעם, וואָס זיין פּראָטעסט איז ניט ראַדיקאַל גענוג און וואָס ער בעהאַנדעלט די הערשענדע פאָרמען פון אינדוסטריעלען און רעכטליכען לעבען צו מילד.

די ראַדיקאַלע קריטיקער פון דעם טרייד־יוניאָניזם קאָנען צור־טהיילט ווערען אויף צוויי גרופּען. איין גרופּע איז הויפּטזעכליך פעראינטערעסירט אין אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגען און בעטראַכט דעם טרייד־יוניאָניזם אַלס אַן אָבגעלעבטע פאָרם פון אַרבייטער־פעראיי־

ניגונג, וועלכע פאסט זיך מעהר ניט צו די בעדינגונגען פון דער אינדוסטריע. זייער קריטיק איז געריכטעט געגען דער אידעע, אז די ארבייטער קאנען היינט צו טאג צוטיילט ווערען אין פערשידענע אבגעזונדערטע פאכען, וועלכע זיינען די געהעריגע באזע פון ארגאניזאציאן. זיי טענה'ן, פערקעהרט, אז די ענטוויקלונג פון דער מאשין צערשטערט די מחיצות צווישען טרייד און טרייד און צווינגט די ארבייטער זיך צו פעראייניגען לויט דער אינדוסטריע, אין וועלכער זיי זיינען בעשעפטיגט. דיזע גרופע קריטיקער ווילען ניט צערשטערען דאס, וואס דער טרייד־יוניאניזם האט אויפגעבויט, נור זיי ווילען דאס בענוצען אלס מאטעריאל פאר א נייער געביידע, וועלכע וועט אין זייער מיינונג זיין פיעל גרעסער און שטארקער, ווי דער טרייד־יוניאניזם. זיי זיינען די פערטהיידיגער פון דעם אינדוסטריעלען יוניאניזם, אדער אינדאסטריאליזם.

די הויפט טענה פון דער צווייטער גרופע בעשטעהט אין דעם, אז די עקאנאמישע און סאציאלע אידעען פון דעם טרייד־יוניאניזם זיינען ניט ברייט און ניט טיעף גענוג צו פערעפענטפערען די פראגען פון דעם ארבייטער לעבען. דיזע קריטיקער בעהויפטען, אז קיין ארגאניזאציאן, וועלכע האלט זיך אויף דעם באדען פון די פרינציפען פון פריוואט־אייגענטהום און וועלכע אנערקענט די צוטהיילונג פון דעם ארבייטס־פראצעס צווישען קאפיטאליסט און ארבייטער, קאן ניט לייזען דעם פונדאמענטאלען פראבלעם פון די ארבייטער. דיזע גרופע גלויבט, אז אלע ארבייטער פראגען קאנען ווירקליך געלייזט ווערען נור דאן, ווען די פראדוקציאנס־מיטלען וועלען בעלאנגען צו דער גאנצער געזעלשאפט און וועלען פערוואלטעט ווערען אויף א דעמאקראטישען אופן. די גרופע איז ביז א געוויסען גראד סימפאטיש געניינגט צו דעם אינדאסטריאליזם. אלענפאלס, וויל זי ניט צערשטערן דעם טרייד־יוניאניזם. זי פאדערט נור, אז ער זאל זיך דורכדרינגען מיט א ברייטען סאציאלען גייסט און זאל דיענען אויף דעם אדער אנדערען אופן דעם ענד־ציעל פון סאציאליזם.

נאטירליך, ווען דער טרייד־יוניאניזם וואלט אימער געווען ערפאלגרייך, און וואלט אין אלע פעלע דערגרייכט דעם ציעל, וועלכען ער שטעלט זיך, דאן וואלט ניט געווען קיין אורזאכע איהם צו קריטיקירען. אבער דאס איז ניט דער פאל. ערשטענס, האבען די טרייד־יוניאנס אין ערגעץ ניט אנגעווענדעט די אידעען פון סאלי־

דאַרישער האַנדלונג צו אַלע ארבייטער אָדער זאָגאַר צו דעם גרעסטען טייל פון די ארבייטער. זיינע קריטיקער טענה'ן, אַז דאָס איז ניט דערפאַר, ווייל די מייסטע ארבייטער ווילען זיך ניט אָרגאַניזירען, נור דערפאַר, וואָס די טרייד־יוניאָנס זיינען געבויט אויף אַזאַ ענגען פונדאַמענט, אַז זיי קאָנען ניט אריינגעהמען אַלע ארבייטער. נעהמט, צום ביישפיעל, די ארבייטער אין דער שטאָהל־אינדוסטריע. אַ געוויסע צאָהל פון זיי זיינען מעהר אָדער ווענינער געלערנטע ארבייטער (סקילד) און טהוען אַזאַ ארבייט, וועלכע אונטערשיידעט זיך פיעל פון אנדערע ארבייטס־פּראָצעסען און פאָדערט אַ געוויסע געשיקטקייט. דיזע ארבייטער פערברייגגען דעם גרעסטען טהייל פון זייער צייט אין זייער בעשטימטער ארבייט, וועלכע קאָן בעטראַכט ווערען אַלס אַ טרייד, און זיי קאָנען ארגאַניזירט ווערען בעזונדער אין ספּעציעלע טרייד־יוניאָנס. אָבער די גרויסע מעהרהייט זיינען פּשוטע האַרעפּאַשניקעס מיט שטאַרקע מוסקולען און טהוען אַן ארבייט, וועלכע פאָדערט מעהר פיזישען כוח, ווי שכל. דיזע ארבייטער געהען פון איין ארבייטס־פּראָצעס צו אַ צווייטען און קאָנען ניט אָנווייזען אויף וועלכער עס איז ארבייט, וועלכע זאָל קאָנען בעטראַכט ווערען אַלס אַ טרייד. ווען מען וויל דיזע ארבייטער אָרגאַניזירען אין טרייד־יוניאָנס, הייסט עס, אַז מען וויל זיי צוטהיילען אין געקינסטעלטע גרופּען, וועלכע האָבען ניט קיין שייכות מיט די בעדינגונגען פון זייער ארבייט. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס די ארבייטער צייגען ניט אַרויס קיין נייגונג אריינצוטרעטען אין אַזוינע אוננאַטירליכע פעראייניגונגען.

נאָך ערגער איז די פאָלגע פון דעם טרייד־יוניאָניסטישען פּרינציפּ אין אַזוינע פּראָדוקציאָנס־צווייגען, וואו די טריידס שפּילען נאָך די הויפּט ראָלע, אָבוואָהל זיי נויטיגען זיך אין דער הילפע פון גרויסע מאַסען אונגעלערנטע ארבייטער. אַלס ביישפּיל קאָן דיענען די בוי־אינדוסטריע, די ארבייטער פון דער בוי־אינדוסטריע צוטהיילען זיך גאַנץ נאַטירליך אין בעזונדערע טריידס, וועלכע טראָגען אַ גאַנץ בעשטימטען כאַראַקטער. דער בריקלייער, דער מייסאָן, דער פּלאַסטערער, דער קאַרפּענטער, דער פּלאָמבער, דער עלעקטרישען, דער פּיינטער, דער טייל־סעטער, דער סטים־פיטער און ז. וו. טהוען גאַנץ בעשטימטע ארבייטען, וועלכע פאָדערען אַ גאַנץ הויכען גראַד פון געשיקטקייט. זיי זיינען פאַך־ארבייטער, וועלכע פערברייגגען

עטליכע יאָהר אין דער לעהרע פון זייער ארבייט. זיי קאָנען לייכט ארגאַניזירט ווערען לויט זייערע טריידס און איז דער ווירקליכקייט בילדען די בוי־ארבייטער יעצט די שטארקסטע טרייד־יוניאָנס. אבער צו דער זעלבער צייט זיינען אין דיזע אַלע טריידס בעשעפטיגט אַ גרויסע צאָהל אונגעלערנטע ארבייטער, וועלכע טהוען די שווערע ארבייט און העלפען אַרום די פאַך־לייטע. דיזע העלפערס קאָנען ניט אריינגענומען ווערען אין די פאַך־אָרגאַניזאַציאָנען, ווייל זיי זיינען דאָך ניט מעהר ווי אונגעלערנטע ארבייטער און קענען ניט דעם פאַך. זיי בלייבען אין גאנצען ניט אָרגאַניזירט, ווי צום ביישפּיל די העלפערס אין דער יוניאָן פון פּלאָמבערס אין ניו יאָרק. אָדער זיי ווערען פעראייניגט אין ספּעציעלע העלפערס יוניאָנס, וועלכע זיינען אונטער דער קאָנטראָלע פון די פאַך־יוניאָנס און ווערען ארומגערינגעלט מיט אַלערליי שוועריגקייטען אין זייער שטרעבען צו ווערען פאַך־ארבייטער. אָדער זיי ווערען אין גאנצען אבגעזונדערט אין ספּעציעלע לייבארערס־יוניאָנס, ווי צ. ב. אין קאַליפארניא, און טארען זאָגאָר ניט שטרעבען אריינצוקומען אין די טריידס. זיי דאַרפען זיך בענוגענען זייער גאנץ לעבען מיט דער ראָלע פון אונגעלערנטע ארבייטער, און דערפאר נעהמען די פאַך־יוניאָנס אויף זיך די אויפגאבע צו פאָדערען פאר זיי אַן עטוואס העכערען לוין. דאָס הייסט, אַז דער טרייד־יוניאָניזם צוטהיילט די ארבייטער אויף צוויי שיכטען, די געלערנטע און די אונגעלערנטע ארבייטער, און שאפט אַן עקאָנאָמישען געגענזאַץ צווישען זיי. אויף אַזאַ אופן אָבער צערשטערט דער טרייד־יוניאָניזם דעם וויכטיגסטען יסוד פון זיין אייגענער עקזיסטענץ — דעם גלויבען אין דער נויטווענדיגקייט פון סאָלידארישער האַנדלונג און לאָזט איבער דעם גרעסטען טהייל פון דעם ארבייטער קלאַס מחוץ למחנה פון דער אַרבייטער־בעוועגונג.

אָבער זאָגאָר אין די ראַמען פון זיין אייגענער טהעטיגקייט פיהרט דער טרייד־יוניאָניזם צו סכסוכים און שפּאַלטונגען, וועלכע שוואַכען אב די עקאָנאָמישע מאַכט פון די אַרבייטער. דער שטרעבען אויפצוהאַלטען די גרענעצען צווישען איין טרייד און דעם אַנדערען אונטער די אינדוסטריעלע בעדינגונגען פון אונזער צייט קאָן ניט האָבען קיין אנדערען רעזולטאַט, דערפאר ווייל עס איז געוואָרען אונמעגליך צו בעשטימען וואו איין טרייד ענדיגט זיך און

וואו דער צווייטען פאנגט זיך אָן. די אַרבייטער, וועלכע ווילען עס דאָך טהאָן, מוזען זיך ארומרייסען איינע מיט די אַנדערע און אריינטראָגען אין דער אַרבייטער־בעוועגונג אַן אונענדליכע רייהע פון קאָנפליקטען אָדער זאָגענאַנטע „דזשורידיקשאָנעל דיספוטס“. עס איז געוועזען א צייט, ווען א קארפּענטער האָט געוואוסט גאַנץ גענוי, וואָס זיין ארבייט איז. ער האָט געמאַכט די טהירען, די פענסטער, די פּאָרלאָגע, מיט איין וואָרט, די גאַנצע האָלץ־ארבייט, וועלכע דאַרף געמאַכט ווערען אין אַ הויז. ער האַלט נאָך יעצט, אַז דאָס איז זיין געביעט. אָבער אין דער לעצטער צייט איז אַ נייער מנהג צו מאַכען אייזערנע און שטאָהלענע טהירען, ספּעציעל אין די גרויסע געביידעס, און די מעטאַל־ארבייטער האָבען אָנגעהויבען אייניקסען דיזע טהירען. אבער די קאַרפּענטערס האָבען געמאַכט אַ געוואלד, אַז די מעטאַל־ארבייטער זיינען מסיג גבול און רויבען אַוועק ביי זיי זייער ארבייט. די פאָלגע דערפון איז אַ שטרייט צווישען צוויי פאַך־אָרגאַניזאַציאָנען, וועלכער האָט א דעמאָראַליזירענדען איינפלוס אויף ביידען.

מען וואָלט געקאנט אנשרייבען א גרויסען בוך וועגען די דאָזיגע שטרייטיגקייטען אין דער טרייד־יוניאָניסטישער בעוועגונג פון דער גאַנצער וועלט און פון אַמעריקא בפרט, אבער עס איז דאָ ניט הער פּלאַץ דאָס צו טהאָן. עס איז לייכט איינצוזעהען, אַז אזוינע סכסוכים פערשטארקען נאָך מעהר דעם ענגען גייסט פון פאַכטרייהייט, וועלכע די טרייד־ארגאניזאציאָן ערוועקט אין דעם אַרבייטער. יעדער ארבייטער ווערט געוואָהנט צו בעטראַכטען זיין פאַך און זיין יוניאָן אלס א בעזונדערע וועלט מיט בעזונדערע אינטערעסען, וועלכע האָט ניט קיין שייכות מיט די ארבייטער פון די אַנדערע טריידס. די פאָלגע דערפון איז, אַז דער טרייד־יוניאָניזם פאַלט אריין אין אַ ווידערשפּרוך מיט זיינע גרונד־פּרינציפּען. ער פּרעדיגט ארבייטער־פעראייניגונג און סאָלידארישע האנדלונג אין דער טהעאָריע און פלאנצט אן ענגען פאַך־גייסט אין די ארבייטער דורך זיין פּראקטיק.

נאָך אן ערגערען איינפלוס אויף די ארבייטער־בעוועגונג האָט די פּראקטיק פון דעם טרייד־יוניאָניזם בנוגע צו קאָללעקטיווע אגרימענטס. דער שטייגער פון די טרייד־יוניאָנס איז, אַז די ארבייטער פון יעדען פאַך זאָלען פערהאַנדלען אַ בעזונדערען אגרימענט. אזוי

ווי אין רער זעלבער פאבריק זיינען געוועהנליך בעשעפטיגט ארבייטער פון פערשידענע טריידס, מוז עס פארקומען, אז די ארבייטס־געבער זאלען האבען עטליכע אגרימענטס מיט זייערע ארבייטער. יערער אגרימענט ענטהאלט זיינע אייגענע בעדינגונגען און ווערט געמאכט אויף א בעשטימטער צייט. ווען א סכסוך קומט פאר צווישען רי ארבייטער פון איין פאך און די ארבייטס־געבער, וועלכער ענדיגט זיך אין א סטרייק, קאנען די ארבייטער פון די אנדערע טריידס ניט האנדלען סאלידאריש מיט די סטרייקערס און אויך ארויס אין סטרייק, ווייל זיי האבען א בעזונדערען אגרימענט, וועלכען זיי דארפען, לויט דער טרייד־יוניאניסטישער עטהיק, טריי אבהיטען. אבער דיזע טאקטיק צוברעקעלט די כוחות פון די ארבייטער און מאכט אונמעגליך סאלידארישע האנדלונג אקוראט אין יענע מאמענטען, ווען זי איז נויטווענדיג. די ארבייטס־געבער ווייסען דאס און בענוצען זיך אפט דערמיט כדי פטור צו ווערען פון א שטארקער יוניאן.

אבער א חוץ פון דער פראקטיק פון קאללעקטיווע אגרימענטס, איז די טרייד־יוניאניסטישע ארגאניזאציאן איבערהויפט אונפעהיג צו בעשיצען די אינטערעסען פון די ארבייטער אין די מאדערנע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען. ווען די ארבייטער, וועלכע זיינען בעשעפטיגט אין איין פאבריק, קוקען איינע אויף די אנדערע ווי אויף מיטגליערער פון פערשידענע ארגאניזאציאנען און האלטען זיך ניט מחויב צו האנדלען צוזאמען אונטער אלע אומשטענדען, קאנען די ארבייטער ניט געווינען קיין וויכטיגען קאמפף. צום ביישפיעל, איז די ברויעריען איז געוועזן א צייט, ווען די ארבייטער זיינען געווען ארגאניזירט אין בעזונדערע טריידס, די ברויער, די מאלטערס, די קופערס, די ענזשינירס, די באטעל־קלינערס, די דרייווערס, א. ז. וו. אבער יעדעס מאל, וואס די ברויער זיינען ארויס אין סטרייק פאר העכערע ווידזשעס, האבען זיי פערלארען דערפאר, וואס די אנדערע טריידס זיינען געבליבען ביי דער ארבייט. די באטלערס האבען צוגעגרייט דאס פארטיגע ביער אין באטעלס און די דרייווערס האבען עס צופיהרט. לויט דעם טרייד־יוניאניסטישען פרינציפ האבען דיזע ארבייטער געהאנדעלט ריכטיג. זיי האבען בעלאנגט צו אנדערע טריידס און עס איז ניט געווען זייער עסק, וואס די ברויער האבען עפעס א סכסוך מיט די באסעס. אבער די ברויער

האָבען צוליעב דעם געליטען איין נידערלאַגע נאָך דער אַנדערער. עהנליכע ביישפּיעלע וואָלט מען געקאָנט ברייגנען פון דער ערפאַהרונג פון אַרבייטער אין אַנדערע אינדוסטריען.

אויף דעם סמך פון דיזע טענות, פאָדערען די אינדוסטריאַליסטען, אַז די אַרבייטער זאָלען זיך מעהר רעכענען מיט די נייע בעדינגונגען פון דער אינדוסטריע און זאָלען זיך אָרגאַניזירען ניט אין טרייד, נור אין אינדוסטריעלע יוניאָנס, ד. ה. אַז אַלע אַרבייטער, וועלכע זיינען בעשעפטיגט אין דער פּראָדוקציאָן פון אַ געוויסען אַרטיקעל, זאָלען געהערען צו דער זעלבער יוניאָן, ניט אַכטענדיג אויף דער ספּעציעלער אַרבייט, וועלכע זיי טהוען. אַלע אַרבייטער, וועלכע זיינען בעשעפטיגט אין ברויעריען, זאָלען בעלאַנגען צו איין גרויסער יוניאָן פון ברויער־אַרבייטער: אַלע, וועלכע אַרבייטען אין אָדער אַרום אַ קוילען־גרוב, זאָלען זיין פעראייניגט אין אַ יוניאָן פון מיינערס; אַלע די, וועלכע האָבען עטוואַס צו טהאָן מיט דער פּראָדוקציאָן פון קליידער, ווי שניידער, קאַטערס, פּרעסערס, אָפּערייטאָרס, פינישערס א. ז. וו. ווען דער אינדוסטריעלער פּרינציפּ זאָל אַנגעווענדעט ווערען, וואָלט די צאָהל יוניאָנס פיעל קלענער געוואָרען און יעדע איינצעלנע יוניאָן וואָלט גרעסער געוואָרען. אין דעם יעצטיגען מאָמענט זיינען פאַראַן 110 אינטערנעשאָנעל טרייד־יוניאָנס, וועלכע בעלאַנגען צו דער „אַמעריקאַן פעדערישאָן אָוו לייבאָר". ווען די אַרבייטער וואָלטען זיך צוזאַמענגעקומען נעהענטער לויט די אינדוסטריען, אין וועלכע זיי אַרבייטען, וואָלט די צאָהל זעהר פיעל פערקלענערט געוואָרען. עס וואָלטען אויפגעהערט די צאַנקעריייען צווישען איין טרייד און אַן אַנדערען וועגען הסגת גבול און עס וואָלט זיך געקאָנט ענטוויקלען אַ ברייטער געפיהל פון אַרבייטער סאָלידאַריטעט.

עס זיינען פאַראַן אינדאַסטריאַליסטען, וועלכע גלויבען, אַז די רעאָרגאַניזירונג פון דער אַרבייטער־בעוועגונג אויף דעם אינדוסטריעלען פּרינציפּ איז די איינציגע רעפאָרם, וועלכע איז וויכטיג פאַר די אָרגאַניזירטע אַרבייטער. זיי מיינען, אַז דער אינדוסטריעלער יוניאָניזם וועט אויך אַזוי פיעל פערשטאַרקען די עקאָנאָמישע מאַכט פון די אַרבייטער, אַז זיי וועלען קאָנען פערבעסערען די אַלגעמיינע לאַגע. אָבער די מייסטע אינדוסטריעלע יוניאָניסטען מאַכען נאָך אַ שריט ווייטער און בעהויפּטען, אַז די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָ־

נען קאנען אונטער קיינע אומשטענדען ניט פערבעסערען די ארבייטער לאגע אויף א דויערנהאפטען אופן. זיי טענה'ן, אז דער אינדוסטריאליזם איז נור א מיטעל צו פעראייניגען די ארבייטער אין גרעסערע מאסען און צו ענטוויקלען אין זיי א טיעפערען געפיהל פון אייניגקייט. אבער זאלאנג דער קאפיטאליסט האלט אין זיינע הענד די פראדוקציאנס־מיטעל און פיהרט אן די ווירטהשאפט פאר פראפיט, קאן דער ארבייטער זיך ניט בעפרייען פון די איבלען פון דעם פאבריק־סיסטעם און מוז ליידען פון אלע פאלגען פון ארבייטסלאזיגקייט, שווערע ארבייט, אונגעניגענדע ווייזשעס א. ז. וו. לויט דיזען שטאנדפונקט מוזען די יוניאנס איינזעהען זייער בעגרענצטען חאראקטער און אונטערשטיצען מיט אלע קרעפטען די סאציאליסטישע בעוועגונג, וועלכע האט אלס ציעל די אבשאפונג פון דעם פראפיטען־סיסטעם און די איינפיהרונג פון אן אינדוסטריעלער דעמאקראטיע.

דער ענטפער פון די טרייד־יוניאניסטען אויף דיזער דאפעלטער קריטיק איז דורכגעדרונגען מיט דעם זעלבען גייסט פון רעאליזם און אפארטוניזם, ווי זייער גאנצע געדאנקען־וועלט. דער טרייד־יוניאניזם איז מודה, אז די מאשין צערשטערט די פעסטע מחיצות צווישען די טריידס און אז די ארבייטער פון פערשידענע טריידס אין דער זעלבער אינדוסטריע זיינען זעהר פיעל אבהענגיג איינע פון די אנדערע. אבער דער טרייד־יוניאניזם ענטזאגט זיך צו ציהען דערפון דעם שלוס, צו וועלכען די אינדוסטריאליסטען זיינען געקומען. די טרייד־יוניאניסטען דיינקען, אז ניט אכטענדיג אויף די אלע פאקטען, אויף וועלכע די אינדוסטריאליסטען צייגען אן, קאן מען דאך מיט געוויסע בעמיהונגען אויפהאלטען די טרייד־ארגאניזאציאן. און מען בעדארף דאס טהאן, ווייל נאך אלעמען איז זי דאך די שטארקסטע פעראייניגונגס־פארם פון די ארבייטער. דאך אנערקענט דער טרייד־יוניאניזם, אז עס איז מעגליך צו פערפעסטיגען די ארבייטער ארגאניזאציאנען אויף צוויי אופנים. ערשטענס, דארטען, וואו די פערשידענהייטען צווישען די טריידס ווערען כמעט אין גאנצען אבגעווישט, דארפען די ארבייטער פערשמעלצען זייערע טרייד־יוניאנס אין איין ארגאניזאציאן. דאס איז די טאקטיק, וועלכע ווערט בעצייכענט אין ענגליש מיט דעם ווארט „אמאלגאמיישאן“. אין דער „אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר“

זייגען פאראן יעצט עטליכע יוניאנס, וועלכע זיינען דער רעזולטאט פון אזא אמאלגאמיישאן. מיט יאהרען צוריק האבען זיך די פארני־טשור ארבייטער פעראייניגט מיט די קארפענטערס. אלס א ביי־שפיעל פון אמאלגאמיישאן אויף דער אידישער גאס קאן דיענען די יוניאן פון מענער שניידערס.

צווייטענס, אין יענע אינדוסטריען, אין וועלכע די טריידס טראגען א בעשטימטען הארַאקטער און זיינען דאך אבהענגיג איינע פון די אנדערע, דארפען די יוניאנס בילדען פעדעראטיווע פעראיי־ניגונגען, וועלכע זאלען פערהאנדלען די אלגעמיינע אינטערעסען. צום ביישפיעל, די טריידס פון דער בוי־אינדוסטריע האבען אין אלע גרויסע שטעדט ספעציעלע פעדעראטיווע פעראייניגונגען, וועלכע זיינען בעקאנט אונטער דעם נאמען פון „בילדינג טריידס קאונסילס“. דיזע „קאונסילס“ ווערען צוזאמענגעשטעלט פון די דעלעגאטען פון די בעזונדערע טריידס און זייער אויפגאבע איז צו פעראייניגען אויף פעראייניגט (אונטער דעם נאמען „עלייעד פרינטינג טריידס“) בוי־אינדוסטריע. די טריידס אין דער פרינטינג־אינדוסטריע זיינען אויף פעראייניגט (אונטער דעם נאמען „אלליד פרינטינג טריידס“) מיט דעם צוועק צו בעשיצען די אלגעמיינע אינטערעסען פון דער אינדוסטריע.

די „בילדינג טריידס קאונסילס“ און עהנליכע פעראייניגונגען זיינען ניט מעהר ווי לאקאלע ארגאניזאציאנען, וועלכע בעשיצען די אינטערעסען פון אלע ארבייטער פון אן אינדוסטריע און איין שטאדט. אבער די אבהענגיגקייט פון פערשידענע טריידס לאזט זיך שפירען אין דעם גאנצען לאנד. די טרייד־יוניאנס האבען דע־ריבער אין די לעצטע יאהרען געמאכט א וויטערען שריט און האַ־בען ארגאניזירט גרויסע נאציאנאלע פעדעראציאנען פון עהנליכע טריידס, וועלכע זיינען בעקאנט מיט דעם נאמען „דעפארטמענטס“. צו דער „אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר“ בעלאנגען יעצט עטליכע אזוינע דעפארטמענטס, ווי צ. ב., דער „דעפארטמענט אוו מיינס“, דער „דעפארטמענט אוו דהי בילדינג טריידס“, דער „דע־פארטמענט אוו מעטאל ארבייטער“ א. ז. וו. די דעפארטמענטס בעשטעהען פון דעלעגאטען פון נאציאנאלע טרייד־יוניאנס פון ערג־ליכע טריידס אין דער זעלבער אינדוסטריע און פערהאנדלען וועג־

גען אַלגעמיינע פראגען, וועלכע זיינען אַלע ארבייטער פון דער אינדוסטריע אין דעם גאנצען לאנד.

די טרייד־יוניאַניסטען גלויבען, אַז די טאַקטיק פון אמאלגאַמיישאַן און פעדעריישאַן פערענטפערט אלע קריטיקען פון דעם אינדוסטריאַליזם און האלט דאָך אויף דעם אָרגאַניזאציאַנס־פּרינציפּ פון דעם טרייד־יוניאַניזם. גענען דעם סאָציאַליזם נעהמט דער טרייד־יוניאַניזם אָן אַן עהנליכע שטעלונג. די טרייד־יוניאַניסטען זיינען מודה, אַז אין פיעלע הינזיכטען קאן די לאַגע פון דעם אַרבייטער ניט ראדיקאל פערבעסערט ווערען זאָלאנג עס עקזיסטירט פּריוואט־אייגענטהום און פּראָדוקציאָן פאר פּראָפיטען. אָבער די טרייד־יוניאַניסטען דענקען ניט, אַז די ארבייטער קאנען עפּעס געווינען דערמיט, וואָס זיי וועלען יעצט אונטערשטיצען דעם סאָציאַליזם. פערקעהרט, זיי קאָנען נאָך פערלירען, דערפאר ווייל די הערשענדע פּאָליטישע פּארטייען וועלען זיך דאַן ענטזאגען צו העלפען די ארבייטער זאגאר מיט די ווענינע ארבייטער־געזעצע, וועלכע זיי זיינען יעצט בערייט דורכצופיהרען. אבער דאָס מיינט ניט, אַז די טריידיוניאַניסטען ווילען אויף אימער אויפהאַלטען דעם עקזיסטירענדען עקאָנאָמישען סיסטעם. פערקעהרט, זיי זיינען בערייט צו גלויבען, אַז אַ צייט מוז קומען, ווען דער ארבייטער וועט זיך אין גאנצען בעפרייען פון יעדער שפור פון עקאָנאָמישער שקלאַפערייי און וועט ווערען אַ פרייער מיטגליעד פון אַן אינדוסטריעלדעמאָקראַטישער געזעלשאפט. אבער זיי דענקען ניט, אַז די ארבייטער דארפען זיך יעצט באַדערען מיט אַזוינע פלענער פון דער ווייטער צוקונפט און אַז וואָס מעהר די טרייד־יוניאָנס וועלען זיך פערנעהמען מיט זייערע אלטעגליכע פראגען און מיט סאָציאלער געזעצגעבונג, אַלץ בעסער וועט עס זיין פאר די ארבייטער און אַלץ שטארקער וועט ווערען דער באָדען זאגאר פאר דער ענדליכער סאָציאלער בעפרייאונג.

עס איז לייכט צו זעהען, אַז דער טרייד־יוניאַניזם וויל, לויט זיין שטייגער, מאכען אַ פשרה מיט דעם אינדוסטריאַליזם און דעם סאָציאַליזם. אבער די פארשטעהער פון די אנדערע טהעאָריען ווילען ניט איינגעהען אויף קיינע קאָמפּראָמיסען און פיהרען אַן אַ העפטיגען קאמפּף פאר זייערע אידעען אין די רייהען פון דער טרייד־

יוניאָניסטישער בעוועגונג גופא. עס איז יעצט ניטאָ קיין גרויסע נאַציאָנאַלע ארבייטער־בעוועגונג, וועלכע זאָל ניט טראָגען אויף זיך די סימנים פון דיזען אינערליכען קאמפף. צום ביישפּיעל, די אַמע־ריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאר", די נאַציאָנאַלע פעראייניגונג פון אַמעריקאַנער ארבייטער, איז ניט מעהר א ביישפּיעל פון דעם ריינעם טרייד־יוניאַניזם. צו איהר בעלאַנגען טרייד־יוניאָנס, וועלכע האַל־טען זיך נאָך פעסט פאַר די פונדאַמענטאַלע אידעען פון פאַך־אָרגאַ־ניזאציאָן און טרייד־האַנדלונג. אָבער עס זיינען אין איהר אויך פאַראַן פיעלע יוניאָנס, וועלכע זיינען מעהר אָדער ווענינער דורכ־געדרונגען מיט די אידעען פון אינדוסטריאַליזם, צום ביישפּיעל, די אינטערנײשאָנאַל ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאָן, די יונייטעד מיין־וואירקערס א. ז. וו. פיעלע פון דיזע יוניאָנס זיינען אויך אויס־געשפּראָכענע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאציאָנען, וועלכע אינדאָרסי־רען די סאָציאַליסטישע פּארטיי און אונטערשטיצען זי מיט געלד און שטימען.

דיזער פאקט איז א גענוגענדער בעווייז, אז דער טרייד־יו־ניאָניזם איז יעצט אויף אַן איבערגאַנגס־שטופע. אבער זינט דער טרייד־יוניאַניזם איז צוערשט ארויסגעטראָטען אלס היסטאָרישער פאקטאָר, האָט ער ניט אויפגעהערט צו בייטען זיינע פארמען און האַנדלונגס־מעטהאָדען. דער ענטוויקלונגס־פּראצעס פון דעם טרייד־יוניאָניזם איז געווען אונאויפהערליך און האָט זיך אויסגעדריקט אין דער שטענדיגער צופּאַסונג צו די בעדינגונגען פון דער צייט. עס איז קיין צווייפעל ניט, אז אויך דער צוקונפט וועט דער טרייד־יו־ניאָניזם ארויסצייגען דיזעלבע צופּאַסונגס־פעהיגקייט. און אבוואָהל עס איז מעגליך, אז דאָס זאָל פיהרען צו דער רעאָרגאַניזירונג פון דער ארבייטער־בעוועגונג אויף די פּרינציפּען פון אינדוסטריאַליזם און סאָציאַליזם, וועט דאָס דאָך ניט הייסען, אז דער טרייד־יוניאָ־ניזם וועט אין גאַנצען איינגעשלונגען ווערען. ער וועט זיך נור פאַנאַנדערוואקסען אויף א ברייטערען באָדען. זיין יעצטיגע פארם וועט פערשווינדען, אָבער זיין נשמה וועט בלייבען לעבען אין דער נייער אָרגאַניזאציאָן, וועלכע וועט פערנעהמען זיין פּלאַץ. ווייל דער עצם פון דעם טרייד־יוניאָניזם איז די אחדות פון די ארבייטער, און דיזער פּרינציפּ איז אונשטערבליך.